Harkavy is often castigated for including gender markers for nouns only in the first two pages of the trilingual dictionary. It is the kind of inconsistency that only a lexicographer and *folksmentsh* of his stature could carry off. In his preface, he explains, with his usual down-to-earth honesty, that he could not proceed without being arbitrary and capricious. It is evident, however, from the introduction to the unpublished Yiddish-Yiddish defining dictionary (Harkavy 1931, 290) that he and mainstream Yiddish stylistics were then moving in the same direction. In his unpublished work, the gender problem is remedied in a novel way by offering the user a dual system—either the generally accepted three-gender system of Southern Eastern Yiddish (Mideastern Yiddish, popularly "Polish," plus Southeastern Yiddish, popularly "Ukrainian"), relying upon Lifshits (1869), Birnbaum (1918), and Reyzen (1924); or his native two-gender Northeastern Yiddish (popularly "Lithuanian") system, for the speakers of that dialect.

After completing the *Yiddish-English-Hebrew Dictionary*, Harkavy continued to work on his massive fifty-thousand-word Yiddish-Yiddish defining dictionary. Unlike his previous bilingual and trilingual dictionaries, the *Yidisher folks-verterbukh*, as it was to be called, was envisaged as "a dictionary of Yiddish and for Yiddish. National dictionaries have long been in existence among cultured nations. Now that Yiddish has come to play a self-sufficient

role, the time has come for such a dictionary to be created" (Harkavy 1931, 289). It was near completion when Harkavy published excerpts and a description in 1931. The great work was heralded with joyous anticipation by leaders of Yiddish culture in Warsaw (e.g., *Bikher velt* 1929), Vilna (e.g., YIVO 1934), and in other centers of Yiddish around the world. Let us hope the means will be found to issue it soon.

## REFERENCES

[Anshl]
1534 *Mirkeves hamishne*. Cracow.

Avé-Lallemant, Friedrich Christian Benedict
1858–62 *Das deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen, literarischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande*. 4 vols. Leipzig: F. A. Brockhaus.

Ben Gershn, Simkhe
1657 *Seyfer sheymoys vehu khibur shmoys anoshim venoshim*. Venice.

Ben Yekusiel, Mordkhay Shmuel Yankev
1590 *Seyfer diber tov*. Cracow.

Bikher velt
1929 "Aleksander Harkavi" in *Bikher velt* (Warsaw) 3:67–68.

Birnbaum, Salomo A.
[1918] *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache für den Selbstunterricht. Mit Lesestücken und einem Wörterbuch*. Vienna and Leipzig: A. Hartleben.

Bokher, Elye [Elijah Levita]
1541 *Bovo d'Antona*. Isny.
1542 *Shmoys dvorim bilshoyn ivri uvilshoyn romii gam ashkenazi kenegdoy mesudorim keseyder alfo beto*. Isny.

Borokhov, Ber
1913 "Di ufgabn fun der yidisher filologye." In Sh. Niger 1913, 1–22.

Chrysander, Wilhelm Christian Just
1750 *Jüdisch-Teutsche Grammatick*. Leipzig and Wolfenbüttel: Johann Christoph Meisner.

Friedrich, Carl Wilhelm
1784 *Unterricht in der Judensprache, und Schrift zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte*. Prenzlau: Chr. Gottf. Ragoczy.

Hanover, Nosn-Note
1660 *Seyfer sofe brure*. Prague.
1701 *Seyfer sofe brure* [including French column added by Yaakoyv ben Zeeyv]. Amsterdam.

Harkavy, Alexander
1885 "Mivto rofe shel hooysioys giml daled reysh." *Hamagid* (Lyck), no. 51 (December 31).

1886 *Shprakh-visnshaftlekhe biblyotek. Di yidish-daytshe shprakh.* New York: Yidishe gazetn.

1888 [Hippeus, pseudo.]. "Briv mikoyekh undzer shprakh. A kritik iber der ortografye fun der *Nyu-yorker yidisher ilustrirter tsaytung.*" In *Nyu-yorker yidishe ilustrirte tsaytung* (New York) 1, no. 6:9–10.

1891 *Fulshtendikes english-yidishes verterbukh.* New York: Y. Sapirshteyn.

1894–95 "Iz yidish-daytsh a shprakh?" In *Der amerikanisher folks-kalendar. A yorbukh far unterhaltung un balerung,* 38–54. New York: Kantrowitz and Katzenelenbogen.

1895 "Goyishe nemen ba yidn." *Der emes* (Boston) 1, no. 24:208.

1896 *Hayeysh mishpat loshoyn lisfas yehudis? Tshuvo bruro lisoytney sfas yehudis hamduberes.* New York: A. Kh. Rosenberg. [=*Neyr hamaarovi/Ner Ha'Maarabi* (New York, 1895–96, 1, no. 2:17–22; 1, no. 3:25–31; 1, nos. 8–9:1–2/17–24 (faulty pagination of continuous text).]

1898 *Yidish-englishes verterbukh.* New York.

1901 "Yidishe baladn in hebreish un yidish-daytsh." *Di natsyon* (New York) 1:19–21.

1906 "Iz yidish-taytsh a shprakh? An entfer tsu di kritiker fun undzer mameloshn." *Minikes yorbukh* (New York) 2:126–34.

1924 "An alte yidishe konyugatsye." *Yidishe filologye* (Warsaw) 1:212–13.

1925 *Yidish-english-hebreisher verterbukh. Yiddish-English-Hebrew Dictionary.* New York: Published by the author.

1928 *Yidish-english-hebreisher verterbukh. Yiddish-English-Hebrew Dictionary.* New York: Hebrew Publishing Company.

1929 *Der englisher hoyz-lerer. Praktishe lektsyonen in english. A naye metode tsu lernen on a lerer.* 2nd. ed. New York: Hebrew Publishing Company.

1931 "Oystsugn fun dem 'Yidisher folks-verterbukh.'" *Yivo bleter* (Vilna) 1:289–300.

1934 *Bella and I. Our Portraits from Youth to Advanced Age. A Souvenir to Relatives and Friends on the Fourth Anniversary of the Death of my Beloved Life-Mate Bella (née Segalowsky) who Departed on Adar 27,-5690–March 27, 1930.* New York: Published by the author.

1935 *Prokim meykhayay.* New York: Hebrew Publishing Company. [= "Toldoys Aleksander Harkavi," *Haleum* (New York) 1903: 4–12, plus four-page supplement.]

Harkavy, Avrom-Elyohu

1867 *Hayehudim usfas haslavim.* Vilna: Romm.

Harkavy, Tsvi

1953 *Lekheker mishpakhot.* Jerusalem: Hotsaat hasefarim haerets-yisraelit.

Helicz, Paul

1543 *Elemental oder Lesebüchlen. Doraus meniglich mit gutem grund underwisen wirt wie man deutsche Büchlen/Missiuen oder Sendbriue/Schuldbriue/so mit ebreischen ader* [sic] *jüdischen Buchstaben geschriben werden.* Hundesfeld.

Joffe, Judah A.
1949 *Elye Bokher. Poetishe shafungen in yidish. Aroysgegebn tsum firhundertn yortog fun zayn toyt.* New York: Judah A. Joffe Publication Committee.

Joffe, Judah A. and Yudl Mark, eds.
1961 *Groyser verterbukh fun der yidisher shprakh*, vol. 1. New York: Yiddish Dictionary Committee.
1966 *Groyser verterbukh fun der yidisher shprakh*, vol. 2. New York: Yiddish Dictionary Committee.

Katz, Dovid
in press "Di eltere yidishe leksikografye: Notitsn iber mekoyres un metodn." *Oksforder yidish* (Oxford).
1986 "On Yiddish, in Yiddish and for Yiddish: 500 Years of Yiddish Scholarship" in Mark H. Gelber, ed., *Identity and Ethos. A Festschrift for Sol Liptzin on the Occasion of his 85th Birthday*, 23–36. New York, Berne and Frankfurt am Main: Peter Lang.

Korman, Ezre
1954 "Bamerkungen tsu 'Vortshafung in H. Leyviks lider." *Yidishe shprakh* (New York) 14:56–59.

Landau, Alfred
1896 "Das Deminutivum der galizisch-jüdischen Mundart. Ein Capitel aus der jüdisch-deutschen Grammatik." *Deutsche Mundarten* (Vienna) 1:46–58.

Lifshits, Yehoyshue-Mordkhe
1863 "Di fir klasn." *Kol mevaser* (Odessa) 21:323–28; 23:364–66; 24:375–78.
1869 *Rusish-yidisher verterbukh*. Zhitomir: A. Sh. Shadov.
1876 *Yidish-rusisher verterbukh*. Zhitomir: Y. M. Baksht.

Manesh, Khayim ben Menakhem
[ca. 1717] *Mare haksav beloshn ashkenaz veroshey teyves.*

Mansch, Philipp
1888–90 "Der jüdisch-polnische Jargon." In *Der Israelit* (Lemberg) 21:18–23; 22:1–4, 6, 7, 9, 10, 12, 14, 18; 23:1, 3–8 [typescript in YIVO, Max Weinreich Archive 40:3:468].

Mark, Yudl
1940 "Aleksander Harkavi." In *Yivo bleter* (New York) 15:161–63.
1954 "Bamerkungen tsu bamerkungen." *Yidishe shprakh* (New York) 14:59–61.

Mark, Yudl, ed.
1971 *Groyser verterbukh fun der yidisher shprakh*, vol. 3. New York and Jerusalem: Yiddish Dictionary Committee.
1980 *Groyser verterbukh fun der yidisher shprakh*, vol. 4. New York and Jerusalem: Yiddish Dictionary Committee.

Marmor, Kalmen
1926 "Aleksander Harkavi's *Yidish-english-hebreish verterbukh.*" *Frayhayt* (New York) 4 (September 19):8.

Mieses, Matisyohu
1908 "Matisyohu Mizeses referat vegn der yidisher shprakh." In Weinreich and Reyzen 1931, 143–93.

Moskovich, Wolf, and Meyer Wolf
1981 "The Great Dictionary of the Yiddish Language: Design and Prospects." *Deutsche Philologie* (Berlin) 100 (Sonderheft): 55–78.

Niger, Sh.
1941 "Lomir zey kashern." *Yidishe shprakh* (New York) 1:21–24.
1973 *Fun mayn togbukh.* New York: Alveltlekher yidisher kultur-kongres.

Niger, Sh., ed.
1913 *Der pinkes. Yorbukh far der geshikhte fun der yidisher literatur un shprakh, far folklor, kritik un biblyografye.* Vilna: B. A. Kletskin.

Prilutski, Noyakh
1917 *Der yidisher konsonantizm.* Band 1: *Di sonorloytn [ = Yidishe dyalektologishe forshungen. Materyaln far a visnshaftlekher gramatik un far an etimologish verterbukh fun der yidisher shprakh,* 1 = *Noyakh Prilutskis ksovim,* 7]. Warsaw: Nayer farlag.

Ravitsh, Meylekh
1980 *Mayn leksikon.* Band 4, bukh 1. Tel Aviv: Veltrat far yidish un yidisher kultur.

Reizenstein, Wolf Ehrenfried von
1764 *Der vollkommene Pferde-Kenner.* Uffenheim: Johann Simon Meyer.

Reyzen, Zalmen
1920 *Gramatik fun der yidisher shprakh.* Part I. Vilna: Sh. Shreberk.
1924 "Gramatisher min in yidish." *Yidishe filologye* (Warsaw) 1:11–22, 180–92, 303–22.
1926–29 *Leksikon fun der yidisher literatur, prese un filologye.* Vilna: B. Kletskin.

Richards, Bernard G.
1940 "Alexander Harkavy." In *Biographical Sketches,* 152–64. New York: American Jewish Committee. [ = *American Jewish Yearbook* 5701 (New York), 152–64.]

Şaineanu, Lazăr
1889 *Studiu Dialectologic asupra Graiului Evreo-German.* Bucharest: Eduard Wiegand.

Shevreshin, Tsvi-Hirsh, Moyshe Bendin and Yoysef Marsn
1713 *Seyfer khanekh lanaar.* Amsterdam.

Shtif, Nokhem
1925 "Vegn a yidishn visnshaftlekhn institut." In *Di organizatsye fun der yidisher visnshaft* (Vilna): 3–34.

Shulman, Elyohu
1979 *Portretn un etyudn.* New York: Tsiko bikher-farlag.

Shvab, Avrom ben Menakhem-Mendele, and Meyer Ben-Yankev
1773 *Seyfer meylits yoysher.* Amsterdam: Leyb Zusmans.

Stutschkoff, Nokhem
1950 *Der oytser fun der yidisher shprakh*. New York: YIVO.

[Tirsch, L.]
1782 *Handlexicon der jüdisch-deutschen Sprache*. Prague: Johann Ferdinand Edlen von Schönfeld.

Tsh[ubinski], B[orekh]
1960 "Harkavi, Aleksander." In *Leksikon fun der nayer yidisher literatur*, 3:80–85. New York: Alveltlekher yidisher kultur-kongres [fareynikt mit Tsiko].

Weinreich, Max
1923 *Shtaplen. Fir etyudn tsu der yidisher shprakh-visnshaft un literatur-geshikhte*. Berlin: Wostok.

1925 "Vilner tezisn vegn yidishn visnshaftlekhn institut." In *Di organizatsye fun der yidisher visnshaft* (Vilna): 35–39.

1971 "Di yidishe klal-shprakh in der tsveyter helft tsvantsikstn yorhundert." *Yidishe shprakh* (New York) 30:2–18 [posthumous publication of version completed January 28, 1969].

1973 *Geshikhte fun der yidisher shprakh*. 4 vols. New York: YIVO. English edition of vols. 1 and 2 appeared as *History of the Yiddish Language*. Illinois: University of Chicago Press, 1980.

[Weinreich, Max, and Zalmen Reyzen, eds.]
1931 *Di ershte yidishe shprakh-konferents. Barikhtn, dokumentn un opklangen fun der tshernovitser konferents 1908*. Vilna: YIVO.

Weinreich, Uriel
1949 *College Yiddish: An Introduction to the Yiddish Language and to Jewish Life and Culture*. New York: YIVO.

1968 *Modern English-Yiddish Yiddish-English Dictionary*. Hardcover: New York: YIVO Institute for Jewish Research and McGraw-Hill. Paperback: New York: YIVO Institute for Jewish Research and Schocken Books, 1977.

YIVO [American Section]
1933 "Harkavi-biblyografye." In *Harkavis bio-biblyografye. Aroysgegebn fun dem yubiley-komitet lekoved Harkavis zibetsik yorikn yubiley, dem zekstn may 1933*, 7–17. New York: Hebrew Publishing Company.

1934 "Lekoved Aleksander Harkavi tsu zayn zibetsikstn geboyrntog." *Yivo bleter* (Vilna) 6:1–4.

# אַלכּסנדר האַרקאַווי
# און זײַן
# דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך*

**דוד קאַץ**
**אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעיִשע שטודיעס**
**און**
**ס"ט אַנטאָני'ס קאָלעדזש בײַם אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט**

„פֿאַר דער שפּראַך לעב איך"
— אַלכּסנדר האַרקאַווי
(9 :1888)

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — דער ייִוואָ — איז כּידוע געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אין 1925 אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון מאַקס ווײַנרײַך, נחום שטיף, זלמן רייזען, זעליג־הירש קלמנאָוויטש און אַנדערע גדולי־דור. ניט געקוקט אויף דער דחקות, אויף דער פּאָליטישער לאַגע און די אַנדערע שוועריקייטן, האָט דער שפּאָגלנײַער ייִוואָ פֿון סאַמע אָנהייב באַוויזן אינספּירירן — סײַ אין מזרח־אייראָפּע סײַ מעבֿר־לים — אַ פּיאָנערישן גײַסט פֿון שעפֿערישקייט און אויפֿטו אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. די גרויסע צאָל וויסנשאַפֿטלעכע בענד איבער פֿילאָלאָגיע, פֿאָלקלאָר און ליטעראַטור־געשיכטע, אַלע אויף ייִדיש, וואָס דער יונגער אינסטיטוט האָט אַרויסגעלאָזט האָבן ווײַטער צוגעוווּנען ייִדישע און ניט־ייִדישע געלערנטע צו אַ פֿאַרכאַפּנדיקער אינטעלעקטועלער אַוואַנטורע: ייִדיש.

די מערסטע ווילנער אָנפֿירער זײַנען אומגעקומען. דער ייִוואָ, וואָס האָט אויף אייביק אָנגעווירן זײַן היים אין די טיפֿעניש̇ן פֿון פֿאַרמלחמהדיקן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז אין משך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריבער אין ניו־יאָרק ווו דער וועלט־ביוראָ איז אויסגעבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿונעם פֿאַרמלחמהדיקן אַמעריקאַנער אָפּטייל. מען האָט מיט אַלע כּוחות ווײַטער אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט. ווי אַ צוגאָב צו דער פֿאָרשונגס־אַרבעט האָט מען אין דער נײַער היסטאָרישער

---

* לויטן פֿאַרלאַנג פֿונעם ייִוואָ איז די אָרטאָגראַפֿיע פֿון דער אַרײַנפֿיר־עסיי געבליבן געוואָרן אויפֿן ייִוואָ־אויסלייג.

בעתן צוגרייטן די איצטיקע אַרבעט זײַנען צו הילף געקומען די האַרקאַווי־מאַטעריאַלן וואָס אַלכּסנדר האַרקאַוויס שוועסטערקינד גרשון האַרקאַווי ע"ה (1904־1984), אַ מיטגליד אין ניו־יאָרקער אַמאַלגאַמייטעד באַנק, האָט מיר ברייטהאַרציק געשאָנקען. אַ האַרציקן יישר־כּח — זיי אַלעמען צו לאַנגע יאָר — דינה אַבראַמאָוויטשן, הויפּט־ביבליאָטעקאַרין פֿונעם ייִוואָ און אירע קאָלעגן, פֿאַרן פֿאַסטאָקאָפּירן פֿון מײַנעטוועגן יקר־המציאותן; שמואל נאָרכן, דעם עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿונעם ייִוואָ, פֿאַר זײַנע וויכטיקע באַמערקונגען צו פֿריִערדיקע נוסחאָות. די אַחריות סײַ פֿאַר די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען סײַ פֿאַר טעותן און שוואַכקייטן טראָגט דער מחבר אַליין.

סיטואַציע דעם טראָפּ אָנגעשטעלט אויף אויפֿזאַמלען און דערציִען, אויף אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן אופֿן און אויף אַ הויכן ניוואָ, בכדי צו פֿאַרהיטן דעם עצם קיום און פֿאַרשטאַרקן דעם באַוווּסטזײַן פֿון דער ייִדיש־ייִדישער ירושה. צו אָט דעם ציל האָט דער ניו־יאָרקער ייִוואָ אַרויסגעגעבן אַ רײ יסודותדיקע ווערק אויפֿן געביט פֿון ייִדיש, בתוכם אוריאל ווײַנרײַכס קאַלעדזש ייִדיש (1949 און אַ סך נאָכדרוקן זינט דעמאָלט), נחום סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך (1950), אוריאל ווײַנרײַכס מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך (1968) און מאַקס ווײַנרײַכס פֿירבענדיק מײַסטער־ווערק, זײַן געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך (1973).

אָט דער איצטיקער באַנד איז אַ פֿאָטאָמעכאַנישער איבערדרוק פֿון אַלכּסנדר האַרקאַוויס קלאַסיש ווערק, זײַן ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך. דער איבערדרוק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ נייטיקן און ממשותדיקן צושטײַער צום לימוד פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אויף העכערע ניוואָען אין די לעצטע יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַחוץ דעם האָפֿט דער ייִוואָ אַז דער איבערדרוק פֿון האַרקאַוויס דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך וועט בשעת־מעשׂה אינספּירירן אַ באַנײַטע אויפֿמערקזאַמקייט צו דער לעבנס־אַרבעט פֿון אַ יחיד וואָס האָט כּמעט איינער אַליין אויפֿגעבויט אַן אינטעלעקטועלע סבֿיבֿה אין אַמעריקע סוף נײַנצעטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וואָס זאָל זײַן פּאָזיטיוו געשטימט לגבי ייִדיש. דערצו האָט האַרקאַווי געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער נײַער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע.

אַלכּסנדר האַרקאַווי (5טן מײַ 1863—2טן נאָוועמבער 1939) איז געבוירן געוואָרן אין נאַוואַר(ע)דאָק (Nowogródek), ווײַסרוסלאַנד. די יוגנט־יאָרן זײַנע און די באַרימטע ליטוויש־ייִדישע משפּחה פֿון וועלכער ער שטאַמט האָט ער אַליין געשילדערט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע וואָס ער האָט געשריבן אויף אַ פּשוטן און דאָך וווּנדער־שיינעם טראַדיציאָנעלן אַשכּנזישן העברעיִש (האַרקאַווי 1935). ווײַטערדיקע אינפֿאָרמאַציע און אַ רײַכע ביבליאָגראַפֿיע ברענגט צבֿי הרכּבֿי (1953: 27—55) אין זײַן געשיכטע פֿון דער פֿאַמיליע. די האַרקאַווי־משפּחה שטאַמט פֿונעם גרויסן רבֿ און מקובל ר׳ מרדכי יפֿה, דער בעל־הלבֿושים (בערך 1535—1612). דעם נענטערן יחוס אירן ציט די משפּחה פֿון אַלכּסנדרס עלטער־זיידן, ר׳ גרשון האַרקאַווי, וועלכער האָט זיך איבערגעקליבן פֿון נאַוואַרעדאָק קיין ווילנע ווּ ער איז אַרײַן אין קרײַז פֿונעם ווילנער גאונס תּלמידים און זיך אָפּגעגעבן טאָג און נאַכט מיט תּורה. ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל און זיך באַזעצט אין צפֿת ווּ ער איז געשטאָרבן צו צוויי־און־זיבעציק יאָר בערך אין 1827. דעם נאָמען „האַרקאַווי" ציט מען פֿון ר׳ גרשונס ווײַב באַדאַנע. לויט דער טראַדיציע אין דער משפּחה האָט מען זי אָנגערופֿן האַרקאַווי לויטן פּוילישן וואָרט אויף אַרויסריידן אַ „האַרטן ר", טאַקע צוליב איר אַרויסרייד פֿונעם „ר" נאָך דעם ווי פּוילישע פּריצים, געסט בײַ זיי אין דער היים האָבן זי אַזוי געהאַט אָנגערופֿן מיט ליבשאַפֿט. אַנדערע לערנען דרש אַז דער נאָמען וואַקסט פֿון לשון רכבֿ און אַ סך האַרקאַוויס האָבן זיך טאַקע באַנוצט מיט דער העברעיִזירטער שרײַבונג — הרכּבֿי.

די האַרקאַוויס האָבן צוגעטראָגן אַן אָנזעעוודיקן בײַשטײַער אין אַ סך תּחומען פֿון ייִדישן אינטעלעקטועלן לעבן אין דער ליטע אין נײַנצעטן יאָרהונדערט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט סײַ אין תּורה, סײַ בײַ מאָדערנע ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, סײַ אויפֿן געביט פֿון ייִדיש. די סאַמע באַוווּסטסטע האַרקאַוויס לאָזן זיך אַמפּשוטסטן צוריקפֿירן צום עלטער־זיידן ר׳ גרשון. דער זון זײַנער ר׳ אַלכּסנדר־זיסקינד איז געווען נאַוואַרעדקער רבֿ אָנהייב נײַנצעטן יאָרהונדערט. דער אוראייניקל, ד״ר אַבֿרהם־אליהו הרכּבֿי איז געווען דער מחבר פֿון היהודים ושפת הסלאווים (א.א. הרכּבֿי 1867), אַ וויכטיקע שטודיע איבער די היסטאָרישע צווישן־שײַכותן צווישן ייִדיש און סלאַוויש; דערמיט איז ער בדיעבֿד אַ גרינדער פֿון דער ייִדישער אינטערלינגוויסטיק. דבֿורה בת ר׳ יוסף־בצלאל וועלכע איז געוואָרן דבֿורה ראָם נאָכן חתונה האָבן פֿאַר איינעם פֿון די ווילנער ראָמס איז אויך געווען ר׳ גרשונס אַן אוראייניקל. די משפּחה ראָם, וועלכע האָט אויפֿגעשטעלט די באַרימטע דרוקערײַ אין 1799 און האָט מיט איר אָנגעפֿירט אַזש ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע בײַם פֿאַרלאַג־וועזן וואָס האָט אַ שטאַרקן שטויס געטאָן אויף צו פֿאַרשפּרייטן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור אין נײַנצעטן יאָרהונדערט.

אַלכּסנדר גופֿא איז געווען אַ זון פֿון גרשונס אַן אייניקל, יוסף־משה, אַ זייגערמאַכער אַ תּלמיד־חכם, און פֿון יוסף־משהס צווייטער ווײַב פֿריידע. אַלכּסנדר דערמאָנט זיך אין די זכרונות זײַנע אַז די געשעפֿטן זײַנען דעם טאַטן געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע און ווען ניט די קליינע וועכנטלעכע הכנסה פֿונעם הויז וואָס ס'האָט איבערגעלאָזט בירושה אַלכּסנדר־זיסקינד, וואָלט די משפּחה אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. אַז אַלכּסנדר איז אַלט געווען עלף יאָר איז די מאַמע זײַנע געשטאָרבן צו נײַן־און־צוואַנציק יאָר. דער טאַטע וועלכער איז געווען מיט אַ יאָר דרײַ־און־דרײַסיק עלטער פֿאַר איר האָט זיך אַליין ניט געקענט געבן קיין עצה בײַם אויפֿהאָדעווען אַלכּסנדרן און דער ייִנגל האָט זיך אַריבערגעפּעקלט צום טאַטנס פֿעטער גרשון בן משה.

אַלכּסנדרס יוגנט איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער „ליטעראַריש־געשטימטער יוגנט" פֿון יענעם דור. די פּרטים זײַנען פֿאַרשיידענע, דער סיפּור־המעשׂה בלײַבט אָבער פֿאָרט דער אייגענער: אַן אומרויִקער, טאַלענטפֿולער יונגערמאַן וואָס האָט געלערנט אין חדר און דאָ און דאָרט עפּעס וואָס אָנגעטאַפּט פֿון די מאָדערנערע השׂכּלה־אינספּירירטע שטודיעס, דערגייט וואָס פֿריער אין אייגער פֿון די גרעסערע שטעט זוכנדיק „קולטור און ליטעראַטור". ייִנגלווײַז האָט אַלכּסנדר געלערנט חומש מיט רש"י און ש"ס מיט תּוספֿות לויטן אַלטן שטייגער, דערצו תּנ"ך לויט מענדעלסאָנס ביאור בײַ אַ „האַלב־מאָדערניזירטן" ייִדן; רוסיש, דײַטש, חשבון און געאָגראַפֿיע בײַם עלטער־פֿעטער גרשון, בײַ וועמען ער האָט געוווינט; סיריאַקיש איינער אַליין פֿון אַ דײַטשישער גראַמאַטיק פֿון סיריאַקיש וואָס ער האָט געפֿונען אין עלטער־פֿעטערס ביבליאָטעק. שוין צו דרײַצן־פֿערצן יאָר האָט אַלכּסנדר גענומען אַרויסגעבן אַ קינדער־זשורנאַל אויף העברעיִש וואָס איז אַרויס סך־הכּל צוויי מאָל. קיין ווײַטערדיקע נומערן זײַנען ניט אַרויס מחמת דעם וואָס אין זשורנאַל האָט מען אָפּגעלאַכט פֿון איינעם אַ גבֿירס שבת־מאָלצײַט פֿאַר שטאָט־אָרעמעלײַט. פֿאַר דער טירחא זײַנער האָט דער יונגער האַרקאַווי געכאַפּט אַ נישקשהדיקן פּאַטש פֿונעם סאַמעראָדנעם גבֿיר בכּבֿודו־ובעצמו. ער האָט גענומען שרײַבן העברעיִשע שירים און מאמרים אינעם מליצה־סטיל פֿון דער צײַט.

זומער 1878 איז דער פֿופֿצן־יאָריקער אַלכּסנדר האַרקאַווי אַוועק אין ווילנע, האָפֿנדיק אַז די פֿאַרמעגלעכע קרובֿים וועלן אים צו הילף קומען זיך צו דערנענטערן צו דער „קולטורעלער סבֿיבֿה" פֿון וועלכער ער האָט געחלומט. דער קבלת־פּנים בײַ די רײַכע קרובֿים איז אָבער ניט געווען דער קבלת־פּנים אויף וועלכן ער האָט זיך גערעכנט. צעפֿזרענען די גאַנצע זעקס גילדן אויף אַכסניא האָט האַרקאַווי ניט געוואָלט, איז ער געשלאָפֿן אַ צײַט אין וואָגן אַ דאַנק דעם נאַוואַרעדקער בעל־עגלה וואָס האָט אים געפֿירט קיין ווילנע, דערנאָך גענעכטיקט אַ פּאָר חדשים אין אַ קליין שולעכל אויף דער ייִדישער גאַס. סוף זומער האָט ער על־פּי צופֿאַל געטראָפֿן אין גאַס אַ קרובֿה וואָס האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַ שמועס. זי איז ניט איבעריקס נתפּעל געוואָרן פֿונעם יונגנמאַנס פּלענער אויף צו שטודירן קולטור און ליטעראַטור. עפּעס אַ שטיקל רחמנות האָט זי פֿאָרט געהאַט, האָט זי נאַרײַעט אים העלפֿן מיט עפּעס מער פּראַקטיש און ניצלעך. אַלכּסנדר האָט זיך תּיכּף געכאַפּט אַז דאָ ליגט אַ האָפֿענונג, האָט ער פֿאָרגעלייגט גראַווירן אותיות בײַ די ראָמס אין זייער ווילנער פֿאַבריק. זי האָט אים אַראַנזשירט אַ שטעלע אין דער פֿאַבריק ווו ער איז געבליבן מערניט אַן אותיות־שלײַפֿער און אַ כּיסעלע שפּעטער נאָכן אַדורכלאָזן אַ שפּאָר ביסל אותיות ניט־געשליפֿענערהייט צוליבן פּרובירן לייענען און שלײַפֿן בבֿת־אַחת האָט מען אים גאָר באַשטימט פֿאַר אַ בוכהאַלטער אין דער פֿירמע. אַ דאַנק דער מעשׂה האָט ער געהאַט וואָס צו עסן, ווו צו שלאָפֿן און די מעגלעכקייט ממשיך צו זײַן מיט דער „זעלבסטבילדונג" לויטן מנהג פֿון די יונגע אויטאָדידאַקטן פֿון דער תּקופֿה. אין משך פֿון די ווילנער יאָרן האָט ער זיך געפֿאָרעט מיט מאָלערײַ און געשריבן לידער און עסייען אויף רוסיש, דײַטש און העברעיִש. אינעם בוכהאַלטערס קאַבינעט אין ראָמס דרוקערײַ האָט ער זיך באַקענט מיט די ווילנער משׂכּילים, בתוכם מרדכי פּלונגיאַן, אליהו שערעשעווסקי און אײַזיק־מאיר דיק.

ניט לאַנג האָט געדויערט ביז האַרקאַווי איז ווידער געוואָרן אומרויִק. זײַן אַוועקפֿאָרן אין נאָך אַ גרעסערער עיר־ואם בישׂראל, וואַרשע, איז אים ניט גערואָטן און נאָכן אַרבעטן אַ שטיק צײַט אין ביאַליסטאָק ווי אַ פּריוואַט־לערער פֿון העברעיִש האָט ער זיך אומגעקערט קיין ווילנע אַ ביסל אַן

אַנטווישטער אַלמאַי ער האָט קיין איינע פֿון די מעטראָפּאָליעס ניט „איַינגענומען”. 1882 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע מיט איינער פֿון די „עם עולם”־גרופּעס וואָס האָט געפּלאַנעוועט אַרבעטן אויפֿן פֿעלד אין אַ קאָלעקטיווער גרופּע. האַרקאַווי האָט שפּעטער באַשריבן ווי אַזוי ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן די חרטה בײַם פֿאַרלאָזן זײַן באַליבטע ליטע נאָר ס׳איז שוין געווען לאַחר־המעשה: די גרופּע האָט זיך צעשאַמענגעטראָפֿן ווי מ׳האָט אָפּגערעדט אַזייגער צען אין דער פֿרי אויפֿן ווילנער וואָקזאַל. בעתן אָפּשטעלן זיך אין ליווערפּול, אין ענגלאַנד האָט ער זיך באַקענט מיט נאָך אַן עמיגרירנדיקן יונגנמאַן, דעם שפּעטערדיקן באַליבטן אַרבעטער־פּאָעט אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, דוד עדעלשטאַט. האַרקאַוויס שיף איז אָנגעקומען אין פֿילאַדעלפֿיע דעם 30סטן מײַ 1882. נאָך קורצע באַזוכן אין קעסל־גאַרדן און גרינפּוינט האָט ער זיך באַלד געפֿונען אויף דיוויזשאָן־סטריט אין ניו־יאָרק אויף דער איסט־סײַד. ניט לאַנג האָט געדויערט ביז ער איז אַוועק מיט נאָך אַ יונגן אימיגראַנט אַרבעטן אויף אַ פֿאַרם אין שטאַט ניו־יאָרק. נאָך אַ חודש מעלקן קי זײַנען זיי בײדע געקומען לידי מסקנא אַז סוף־כּל־סוף איז עס ניט פֿאַר זיי. צוריק אין ניו־יאָרק האָט האַרקאַווי געאַרבעט ווי אַ רייניקער, אַ מאַשיניסט אין אַ מצה־פֿאַבריק און בײַ וואָס אין דער קאָרט ביז ער האָט באַקומען אַ שטיקל שטעלע אין ירוחם־צבֿי קאַנטראָוויצעס איסט־בראָדווייער ביכער־געשעפֿט ווו מען האָט זיך אַפּנים דערפֿרייט מיטן בחור־הכוכהאַלטער בײַ די ווילנער ראָמס.

די מעשׂה מיט האַרקאַוויס חתונה האָט מען יאָרן לאַנג געקענט הערן אין אַלערלייִקע לעגענדאַרישע וואַריאַנטן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סײַד. וואַקסן וואַקסן זיי אַלע פֿון דעם וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט בעלאַ סעגאַלאָווסקין באַלד נאָך דעם ווי זי האָט פּרובירט זיך נעמען דאָס לעבן. אויף ווײַטער האָבן זיי זיך צחאַמענגעלעבט אין אידילישער פֿרייד ביז בעלאַס טויט אין 1930 (זען ראַוויטש 1980: 198) וואָס האָט האַרקאַווין איבערגעלאָזט אין אַ טיפֿער אײַנזאַמקייט אין זײַנע לעצטע יאָרן ווען ער איז דערצו געווען שווער קראַנק. ער איז געשטאָרבן עלנט אין זײַן צימערל אין בראָדוויי־סענטראַל האָטעל. וואָס שייך דער חתונה — לויטן נוסח וואָס איך האָב קינדווײַז געהערט בײַ גרשון האַרקאַווין אין ניו־יאָרק לויט ווי איך געדענק — האָט אַלכּסנדר האַרקאַווי אין איינעם אַ טאָג אַריבערשפּאַצירט די ברוקלינער בריק און דערזען ווי אַ מיידל שפּרינגט אין טײַך אַרײַן, ווי אַזוי אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיק שיפֿל ראַטעוועט זי אָפּ און ווי מען פֿירט זי אַוועק אין שפּיטאָל. האַרקאַווי, אַ טאָטאַל פֿרעמדער, איז נאָכגעלאָפֿן די גאַנצע קאָמאַנדע ביז אין שפּיטאָל אַרײַן אויף צו דערגיין די זאַך. באַלד ווי די ניט־דערגאַנגענע זעלבסטמערדערין איז געקומען צום באַוווסטזײַן, האָט האַרקאַווי בײַ איר געפֿרעגט אַלמאַי זי איז געשפּרונגען אין טײַך אַרײַן. דער חתן אין דער אַלטער היים וואָס האָט געזאָלט קומען מיט איר חתונה האָבן האָט איר געשריבן אַ בריוו אַז ער האָט חתונה פֿאַר אַ צווייטער אין דער היים. האָט אַלכּסנדר באַלד געזאָגט — „נו וואָס איז, מײַן קינד? אי־כ׳ל מיט דיר חתונה האָבן”.

אין זײַנע זכרונות דערציילט האַרקאַווי (1935: 7־8) אַז ער האָט אין דער פֿריסטער יוגנט דערפֿילט אַ שטאַרקע ליבע צו דער ייִדישער שפּראַך. זײַן דאָקומענטירטע קאַריערע הייבט זיך אָן אין 1885 ווען ער האָט אָנגעשריבן, וויַיענדיק אין פּאַריז, אַ שטודיע אויף העברעיִש איבער דער ייִדישער שפּראַך, שפת יהודית, וואָס האָט באַלד געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט און לויב פֿונעם באַרימטן פֿראַנצייזיש־ייִדישן תּלמודיסט ישׂראל ראַבינאָוויטש. פֿון די אָפּקלײַבן וואָס זײַנען שפּעטער־צו פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן סײַ אויף ייִדיש סײַ אויף העברעיִש (האַרקאַווי 1896; 1906), ווי אויך פֿון זײַן פּיאָנערישן ייִדישיסטישן פּאַמפֿלעט (האַרקאַווי 1886), איז צו זען אַז דאָס זײַנען געווען דעפֿענסיווע, וויסנשאַפֿטלעך־אָריענטירטע פֿאַרטיידיקונגען פֿון ייִדיש אין גײַסט פֿון ליפֿשיצעס (1863) „די פֿיר קלאַסן” איידער טעכניש־פֿילאָלאָגישע שטודיעס. בכדי אײַנצוזען די פֿולע חשיבֿות פֿון אָט די אָ כּתבֿים אין קאַמף פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך דאַרף מען האַלטן פֿאַרן אויג אַז האַרקאַוויס ייִדישיסטישער פּאַמפֿלעט איז אַרויס אין 1886, אין אַ צײַט (פֿאַר פּרצעס דעביוטירן) און אָרט (אַמעריקע) אין וועלכע אָט אַזאַ מין זאַך איז געווען אינטעלעקטועל רעוואָלוציאָנעריש און זשורנאַליסטיש סענסאַציאָנעל.

אין 1887 איז האַרקאַווי געוואָרן אַ העברעיִשער לערער אין מאָנטרעאָל וווּ ער האָט אַרויסגעגעבן אַן איינאיינציקן נומער פֿון דער ערשטער ייִדישער צײַטונג אין קאַנאַדע, די צײַט, און מיט אַ יאָר דרײַ שפּעטער האָט ער אַרויסגעלאָזט נאָך אַ צײַטונג, דער ייִדישער פּראָגרעס אין באַלטימאָר, פֿון וועלכער ס׳זײַנען דערשינען נײַן נומערן. פֿון 1904 ביז 1909 האָט ער געאַרבעט בײַ האַיאַס אין ווייער ביוראָ אויף עליס־אײַלענד. די דערציִונגס־אָפּטיילונג בײַ דער ניו־יאָרקער רעגירונג האָט אים אָנגעשטעלט פֿאַר אַ לערער פֿון אַמעריקאַנער געשיכטע און קאָנסטיטוציע (אויף ייִדיש). 1919 איז ער געוואָרן לעקטאָר פֿון דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור און פֿון ייִדישער גראַמאַטיק בײַם ניו־יאָרקער ייִדישן לערער־סעמינאַר. כּמעט דער איינציקער, איז האַרקאַווי געווען אַ באַליבטע פּערזענלעכקייט בײַ די אַלע שאַרף־אַנטקעגנשטעלנדיקע גרופּעס אין ייִדישן ניו־יאָרק (זען למשל מרמר 1926; ניגער 1973: 279, 292; ראָוויטש 1980: 198־200; שולמאַן 1979: 123, 457).

די פּרימערע ביבליאָגראַפֿיע צו האַרקאַוויס כּתבֿים, ווי בײַ אַלע ייִדישע שרײַבער פֿון זײַן דור, געפֿינט מען בײַ זלמן רייזענען (1926־1929, I: 794־803) אין זײַן לעקסיקאָן (זען אויך טשובינסקי 1960). אַ באַזונדערן ביבליאָגראַפֿישן פּאַמפֿלעט האָט אַרויסגעגעבן דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פֿונעם ייִוואָ (1933). די גרויסע צאָל ביכער וואָס האַרקאַווי האָט אַרויסגעגעבן לאָזן זיך פּראָוויזאָריש קלאַסיפֿיצירן אין פֿינף הויפּט־קאַטעגאָריעס. ערשטנס — אַרבעטן איבער ייִדיש אויף צו דערהייבן דעם סאָציאַלן מעמד פֿון דער שפּראַך (זען ייִוואָ 1933: 8־9 און ווי דוגמאָות האַרקאַווי 1886; 1894־1895; 1896; 1906). צווייטנס — ווערק אויף צו דערציִען מיליאָנען ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע זיי זאָלן וואָס מער מצליח זײַן אין נײַעם לאַנד אין וועלכן זיי האָבן זיך געפֿונען. אָט דער חלק פֿון זײַן קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ גרעסערן פֿאַרנעם מיט די פֿינף בענד (1895־1900) אַמעריקאַנישער פֿאָלקס־קאַלענדאַר וואָס האָבן דעם לייענער געגעבן אינפֿאָרמאַציעס איבער אַלע שטחים פֿון אַמעריקאַנער לעבן זאָל דאָס זײַן די אַמעריקאַנער פּאָליטיק צי ציינדאָקטערײַ. אין גאַנג פֿון די ווײַטערדיקע יאָרן האָט האַרקאַווי אָנגעשריבן און צונויפֿגעשטעלט צענדליקער ביכער אויף צו לערנען ענגליש, אויף אָנצושרײַבן בריוו אויף ענגליש; איבער אַמעריקאַנער, ייִדישער און וועלט־געשיכטע; איבער געאָגראַפֿיע, פֿיזיק, מאַטעמאַטיק און העברעיִש; איבערזעצונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור און אַ נײַ־רעווידירטע איבערזעצונג פֿון גאַנצן תּנ״ך וואָס פּרעזערווירט די ליטעראַרישע שיינקייט פֿונעם ענגליש פֿון דער קינג־דזשיימס איבערזעצונג אָבער אָן די קריסטלעכע ניואַנסן. צי ער האָט איבערגעזעצט דאָן קיכאָט פֿונעם שפּאַנישן אָריגינאַל צי געשריבן אַ בוך אַמעריקאַנער געשיכטע האָט האַרקאַווי תּמיד דערלאַנגט דעם ייִדישן פֿאָלקסמענטש אַן ערנסט־צוגעגרייטע אַרבעט (זען ייִוואָ 1933: 10־14). דריטנס — אַקאַדעמישע פֿאָרשונגען איבער אַ צאָל תּחומען, דער עיקר אָבער אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער לינגוויסטיק און פֿאָלקלאָר (זען ייִוואָ 1933: 8־11 און ווי דוגמאָות האַרקאַווי 1895; 1901; 1924). פֿערטנס — רעדאַקטירטע זשורנאַלן און ליטעראַרישע זאַמלביכער וואָס האָבן געשטאַרקט און טיילווײַז אויך גורם געווען דעם ייִדיש־ליטעראַרישן אויפֿבלי אויף דער איסט־סײַד האַרט בײַם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, בתוכם די צען נומערן דער נײַער גײַסט אין 1897 און 1898 און דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט אין 1900 (זען שולמאַן 1979: 421־436). צום לעצטן — די סעריע מערשפּראַכיקע ווערטערביכער, אָנהייבנדיק מיט זײַן ענגליש־ייִדישער ווערטערבוך אין 1891 און זײַן ייִדיש־ענגלישער ווערטערבוך אין 1898.

אַ צאָל שטריכן אין האַרקאַוויס לעבן און שאַפֿן זײַנען עלול מען זאָל זיי באַנעמען ווי אויסטערלישע אויב מען איז זיי משׂיג דורך די אויגן פֿון וועלכער ניט איז איינאיינציקער ייִדישער קולטורעלער ריכטונג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווי אַזוי זשע קען דאָס זײַן אַז דער גרויסער אַמעריקאַניזירער וואָס גיט אַרויס צענדליקער לערנביכער און גראַמאַטיקעס אויף צו פֿאַרזיכערן אַז די אימיגראַנטן זאָלן זיך „אויסגרינען” און אַרײַן אין הויפּטשטראָם פֿונעם לעבן אין קאָלומבוסעס מדינה זאָל בשעת־מעשׂה זײַן דער טשאַמפּיאָן פֿון ייִדיש אין אַמעריקע וואָס גיט אַרויס פּאַמפֿלעטן אויף צו הייבן די חשיבֿות פֿון דער שפּראַך און דרוקט אָפּ לעקציעס אויף צו לערנען ייִדיש מיט אַמעריקאַנער־געבוירענע ייִדן? צי לייגט זיך אויפֿן שׂכל אַז דער געטרײַסטער אַמעריקאַנער ייִדישיסט

נעמט אַרײַן העברעיִש אין זײַן ווערטערבוך און שרײַבט דערצו ביכער אויף העברעיִש? טאַקע ווי פֿיל אַנדערע העברעיִשע שרײַבער האָבן אָנגעשריבן אַרטיקלען אויף העברעיִש אין קאַמף פֿאַר ייִדיש? אָט אָ דער אינעווייניקסטער שלום בײַם ליב האָבן, באַהערשן און סטאַרען זיך צו פֿאַרשפּרייטן די פֿאַרשיידענערלײַ פֿעדעם פֿונעם גײַסטיקן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע שטעלן פֿעסט אַלכּסנדר האַרקאַוויס אָרט בײַ דער אייביקער מזרח־וואַנט פֿון אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע. די אימיגראַנטן האָבן געמוזט קענען גוט ענגליש און האָבן אַלגעמיינע בילדונג בכדי צו קענען געניסן פֿון דער גאַנצער קולטורעלער און מאַטעריעלער רחבֿות אין אַמעריקע; אין דער וועלביקער צײַט דאַרפֿן זיי מיט שטאָלץ און איבערגעגעבנקייט אַנטוויקלען די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור. זיי קענען בויען אויף ייִדיש בשעתן פֿאַרטיפֿן זיך אין די אוראַלטע און נײַערע אוצרות פֿון העבֿרעיִש. די אַלע אינטעלעקטועלע באַלאַנסן און דער עיקר די ממשותדיקע אויפֿטוען אויף די אַלע געביטן זײַנען ניט קיין קליינינקייט אין אַ תּקופֿה וואָס אירע הויפּט־סימנים זײַנען ביטערע אינעווייניקסטע צעשפּאָלטנקייט, מאַסן־אַסימילאַציע און אידעאָלאָגישע פּאָלאַריזירונג.

אין לעצטן יאָרצענדליק פֿון זײַן לעבן האָט אַלכּסנדר האַרקאַווי, דעמאָלט שוין לאַנג דער באַליבטער פֿאָלקסהעלד פֿון ייִדיש אין אַמעריקע, סוף־כּל־סוף באַקומען די פֿאַרדינטע אַקאַדעמישע אָנערקענונג ווי אַ מײַסטער פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע. דער אויפֿקום פֿונעם ייִוואָ אין 1925 האָט געשפּילט די הויפּטראָלע אין אָט דער פֿאַרשפּעטיקטער אָבער אַזוי כּשר־פֿאַרדינטער אָנערקענונג; ס'איז שוין ניט געווען קיין מדבר מיט יחידים ייִדיש־געלערנטע, אלא וואָדען אַ נײַע אָרגאַניזירטע ייִדישע וויסנשאַפֿט. אינעם סאַמע ערשטן באַנד פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכן זשורנאַל ייִוואָ־בלעטער, האָט דער ייִוואָ פֿאַרבעטן האַרקאַווין געבן אַ דין־וחשבון (האַרקאַווי 1931) וועגן דער אַרבעט איבער זײַן ייִדישער פֿאָלקס־ווערטערבוך, אַ ייִדיש־ייִדישער ווערטערבוך, וואָס איז עד־היום ניט דערשינען. לכּבֿוד האַרקאַווין האָט דער ייִוואָ צונויפֿגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון זײַנע וויכטיקסטע ווערק צו זײַן זיבעציקסטן געבוירן־טאָג (ייִוואָ 1933) און אים געווידמעט אַ באַנד ייִוואָ־בלעטער (ייִוואָ 1934). אויף אָפּגעבן כּבֿוד האַרקאַווין האָבן יד־אַחת געמאַכט די ייִדישע וויסנשאַפֿט פֿון איין זײַט און די ניו־יאָרקער ייִדיש־קולטורעלע און ליטעראַרישע וועלט פֿון דער אַנדערער זײַט. צו האַרקאַוויס זיבעציק יאָר האָט דער ייִוואָ אָרגאַניזירט אין איינעם מיטן ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג אַ באַנקעט אין מײַ 1933. דער ווילנער ייִוואָ האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג בזה־הלשון: „צו אײַער זיבעציקסטן געבוירנסטאָג שיקן מיר אײַך איבער אונדזערע האַרציקסטע ברכות אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג און פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. מיט אײַער רײַכער און פּראָדוקטיווער אַרבעט אין משך פֿון באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿאַר אונדזער שפּראַך און קולטור האָט איר מעגלעך געמאַכט דעם אויפֿקום פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס איר זײַט זינט זײַן גרינדונג איינער פֿון די געטרײַסטע און איבערגעגעבנסטע מיטבויער זײַנע. צוזאַמען מיט די אומצייליקע פֿרײַנד און פֿאַרערער אײַערע אין דער גאַנצער וועלט; צוזאַמען מיט די טויזנטער תּלמידים אײַערע אין דער נײַער וועלט, פֿאַר וועלכע איר זײַט געווען אַ לערער און אַ וועגווײַזער אין משך פֿון צענדליקער יאָרן; צוזאַמען מיט אַלע טוער און בויער פֿון דער ייִדישער קולטור, וועלכער איר האָט אַזוי געטרײַ געדינט מיט אײַער אידעאַליזם, מיט אײַער מסירת־נפֿש, מיט אײַער אומפֿאַרגלײַכלעכן פֿלײַס און אײַער גרויס וויסן, — ווינטשן מיר אײַך נאָך לאַנגע יאָרן שעפֿערישע אַרבעט פֿאַר אונדזער שפּראַך און האָפֿן גאָר אינגיכן צו פֿײַערן דעם גרויסן יום־טובֿ פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע — די דערשײַנונג פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס־ווערטערבוך — די קרוין פֿון אײַער גרויסער און שיינער אַרבעט פֿאַר דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע” (ייִוואָ 1934: 1). נאָך האַרקאַוויס טויט אין 1939 זײַנען די הספּדים און אָפּשאַצונגען געווען כאַראַקטעריזירט דורך דער זעלטענער קאָמבינאַציע פֿון יראת־הכּבֿוד און וואַרעמער מענטשלעכער ליבע. צום סך־הכּל פֿון די אויפֿטוען גופֿא איז ער געליבט געוואָרן פֿאַרן „טאָן מער אײדער וועלכער ניט איז אַנדער מענטש פֿאַר דער אַלגעמיינער דערציִונג און אַמעריקאַניזירונג פֿון ייִדישע אימיגראַנטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן” (ריטשערדס 1940: 156), ווי אויך פֿאַרן זײַן „דער פּיאָנער פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע

אויף ייִדיש״ וואָס האָט בשעת־מעשה געוועקט „ליבשאַפֿט און דרך־ארץ צו אונדזער ייִדישן לשון״ (מאַרק 1940: 162).

אָט דער דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך, האַרקאַוויס ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, וואָס דער לייענער האַלט פֿאַר די אויגן, האָט צוויי צילן, היסטאָריש גערעדט. די ערשטע שוין אויסגעשפּילטע ראָלע איז באַשטאַנען אין קומען צו הילף דעם מזרח־אייראָפּעיִשן אימיגראַנט אין אַמעריקע בײַם אויסלערנען זיך ענגליש. די צווייטע אויפֿגאַבע, וואָס איז שוין געווען בנמצא אין 1925 און ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער אין גאַנג פֿון די יאָרן, באַשטייט אין קומען צו הילף דעם סטודענט פֿון — ייִדיש. דער ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, ניט געקוקט אויף זײַנע טעכנישע שוואַכקייטן, האָט צוויי גוואַלדיקע מעלות וואָס זיי זײַנען דאָס דער עיקר אין הלכות־ווערטערביכער שבייִדיש: ראשית ווערט געגעבן אַן אויסגעצייכנט בילד פֿונעם רײַכן שפּרודלדיקן אידיאָמאַטישן ייִדיש. והשנית וועט דער לייענער דאָ טרעפֿן מער האַרבע ווערטער וואָס טרעפֿן זיך בײַ די קלאַסיקער אײדער אין וועלכן ניט איז אַנדער ווערטערבוך.

דער ווערטערבוך פֿאַרנעמט אַ גאָר בכּבֿודיק אָרט אין דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פֿון דער ייִדישער לינגוויסטיק פֿון דרײַ פּערספּעקטיוון: ערשטנס — אין ראַם פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע; צווייטנס — אין ראַם פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדיש־שטודיעס בכלל; דריטנס — ווי אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיק און אינטערעסאַנט ווערק פֿון מאָדערנער ייִדישער שפּראַך־פֿאָרשונג פֿאַר די תּלמידים און באַנוצער פֿון דער שפּראַך סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווײַטער.

די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע איז אויפֿגעקומען אין דער מיטל־עלטערישער אייראָפּע. אויף ווי ווײַט ס׳איז באַקאַנט דער מאָדערנער פֿאָרשונג איז זי געבוירן געוואָרן דערמיט וואָס מען פֿלעגט צושרײַבן „גלאָסן״ אין די גליונות פֿון לשון־קודשדיקע און אַראַמישע כּתבֿ־ידן אויף צו פֿאַרטײַטשן די שווערערע אָדער מער קוריאָזנע ווערטער. פֿונעם סאַמע אויפֿקום פֿונעם דרוק־וועזן אויף ייִדיש אין זעכצעטן יאָרהונדערט האָט זיך די עלטערע ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע גענומען ברייט אַנטוויקלען אין אַ גאַנצער ריי זשאַנרען (זען קאַץ אין דרוק), אַרײַנגערעכנט תּנ״ך־קאָנקאָרדאַנצן ווי ר׳ אַנשילס (1534) מרכבת המשנה וואָס איז אַרויס אין קראָקע; העברעיִש־ייִדישע ווערטערביכער לויטן קלאַסיש־סעמיטישן מוסטער פֿון אויסשטעלן על־פּי שורש אָנשטאָט על־פּי וואָרט, ווי אַשטייגער שוואַב און בן־יעקבֿס (1773) מליץ יושר; ווערטערביכער לויט סעמאַנטישע גרופּעס, צווישן וועלכע דער חינוך קטן, אַרויס אין 1640 און אַ סך מאָל נאָך דעם, איז מסתּמא געווען דער פּאָפּולערסטער. אין משך פֿון די יאָרהונדערטער זײַנען אויך אַרויס אַ נישקשהדיקע צאָל מער ספּעציפֿיצירטע ווערטערביכער פֿון געקליבענע טיילן פֿונעם ייִדישן וואָקאַבולאַר. צווישן זיי קענען אויפֿן שפּיץ מעסער דערמאָנט ווערן בן־גרשונס (1657) ספר שמות איבער נעמען (בתוכם אַ סך ייִדישע), מאַנשעס (1717) רשימה ייִדישע ווערטער פֿון סעמיטישן אָפּשטאַם אין זײַן מראה הכתב און דער ווערטערבוך פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען וואָס ס׳נעמען אַרײַן שעברשין, בענדין און מאַרשן (1713) אין זייער חנוך לנער.

האַרקאַוויס דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך איז דער שענסטער מוסטער אין דער 450־יאָריקער געשיכטע פֿון נאָך אַ זשאַנער אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע — דער מערשפּראַכיקער ווערטערבוך וואָס איז כּולל ייִדיש, לשון־קודש און איינע צי מער פֿון די שכנותדיקע ניט־ייִדישע שפּראַכן. דער גרינדער פֿון אָט דעם זשאַנער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אליה בחור, דער גרויסער העברעיִשער לינגוויסט און ייִדישער פּאָעט, וועמענס גרעסטער אויפֿטו אויף ייִדיש איז זײַן בבא דאנטונא (1541; זען יאָפֿע 1949). אין 1542 האָט ר׳ אליה אַרויסגעגעבן זײַן שמות דברים (בחור 1542), אַ פֿירשפּראַכיקער ווערטערבוך: ייִדיש־העברעיִש־לאַטיין־דײַטש, טאַקע אַ מין האַרקאַווי פֿון זעכצעטן יאָרהונדערט. צווישן די ווײַטערדיקע ווערק אין אָט דעם זשאַנער איז צו פֿאַרצייכענען בן־יקותיאלס (1590) דיבר טוב (העברעיִש־ייִדיש־איטאַליעניש) און נתן־נטע האַנאָווערס (1660) שפה ברורה (העברעיִש־ייִדיש־איטאַליעניש־לאַטיין). שוין נאָך האַנאָווערס טויט איז אַרײַנגענומען געוואָרן אויך אַ פֿינפֿטע שפּראַך — פֿראַנצייזיש (האַנאָווער 1701).

האַרקאַווין טאָר מען אָבער לחלוטין ניט באַנעמען נאָר אַן בלויז אין ראַם פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע אין ענגערן זין, ווי אַ שטאַפּל אין אָט דער ערשט־באַשריבענער ווערטערבוך־טראַדיציע. אַ שטיינערנע גײַסטיקע מחיצה טיילט אָפּ די אַלע עלטערע ווערק איבער ייִדיש, לעקסיקאָגראַפֿישע און ניט־לעקסיקאָגראַפֿישע, פֿון די ווערק וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין נײַנצעטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דער ייִדישיסטישער טראַדיציע וואָס האַלט ייִדיש פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער שפּראַך וואָס דאַרף וואָס אַ מאָל מער באַנוצט ווערן צו די העכסטע שאַפֿונגען פֿון ליטעראַטור, קולטור און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. איידער מען קען זיך אַ נעם טאָן צו באַנעמען האַרקאַווין אין קאָנטעקסט פֿון זײַנע בני־דור — דער ערשטער דור ייִדיש־געלערנטע וואָס זײַנען דערצו באַוווּסטזיניקע און שטאָלצע ליבהאָבער פֿון דער שפּראַך — דאַרף מען כאָטש על־רגל־אַחת אַ קוק טאָן אויף דעם וואָס איז פֿריִער געווען. ווייניק שפּראַכן האָט מען אַזוי פֿיל שטודירט פֿון אַזעלכע פֿאַרשיידנאַרטיקע שטאַנדפּונקטן ווי ייִדיש (זען קאַץ 1986). הומאַניסטיש־אינספּירירטע קריסטלעכע פֿאָרשער פֿון לשון־קודש, אַראַמיש, און אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן האָבן אין זעכצעטן און זיבעצעטן יאָרהונדערט געקוקט אויף ייִדיש ווי אויף אַן אינטעלעקטועלן קוריאָז וואָס האָט אין זייערע אויגן כּולל געווען דעם באַקאַנטן גערמאַניש (הגם אין אַ זייער אייגנאַרטיקער געשטאַלט) מיטן עקזאָטישן סעמיטיש. איינער פֿון זיי, יאָהאַן בעשענשטיין האָט אין 1518 צוגעטשעפּעט אַ רעקלאַמע אויף דער טיר פֿון אַ רעגנסבורגער קרעטשמע אַז ער איז מוכן ומזומן יעדן אויסצולערנען ייִדיש אין זעקס טעג פֿאַר וואָלוועלע שׂכירות. אַ לאַנגע טראַדיציע פֿון ביכלעך אויף אויסצולערנען זיך ייִדיש געצילט פֿאַר ניט־ייִדן וואָס האָבן אַ געשעפֿטס־אינטערעס, הייבט זיך אָן מיט פּויל העליצעס (1543) האַנטביכל פֿון ייִדיש פֿאַר קריסטלעכע געשעפֿטסלײַט. דאָס עקזאָטישסטע ווערק פֿון דעם מין וואָס איז אַרויס איז רײַצענשטיינס (1764) האַנטבוך פֿאַר פֿערדהענדלער מיט אַ רײַכן קאַפּיטל וועגן ייִדיש. פֿון זעכצעטן ביזן אַכצעטן יאָרהונדערט האָבן מיסיאָנערן געלערנט זיך און אַנדערע ייִדיש בכדי „אויסצושולן״ נײַע מיסיאָנערן ווי זאָלן זיך קענען צונויפֿריידן מיט דער געצילטער באַפֿעלקערונג. טאַקע אַ מיסיאָנער, יאָהאַן הײַנריך קאַלענבערג, האָט דער ערשטער געגרינדעט אַן אוניווערסיטעטישן קורס פֿון ייִדיש אויפֿן האַלער אוניווערסיטעט אין דײַטשלאַנד אין 1729. צו דעם אַלעמען האָבן קרימינאָלאָגן אַרויסגעגעבן אָן אַ שיעור ביכער וועגן ייִדיש. זיי האָבן געהאַלטן ייִדיש פֿאַר אַ שליסל צו די טויזנטער ווערטער פֿון לשון־קודש און ייִדיש וואָס ראָטוועלש, די דײַטשישע אונטערוועלט־שפּראַך, האָט אין זיך אַרײַנגענומען.

אמת, אַ היפּשער חלק פֿון אָט דער עלטערער ניט־ייִדישער ליטעראַטור וועגן ייִדיש איז אינטערעסאַנט דער עיקר ווי אַ קוריאָז. דאָך האָט ייִדיש אויך דעמאָלט אַרויסגעוויזן דעם כּוח צו פֿאַרכּישופֿן. אַ צאָל מחברים זײַנען אַריבער די ד׳ אַמות פֿון די תּחילתדיקע פּניות זייערע און זיי האָבן זיך טיף פֿאַראינטערעסירט מיט ייִדיש גופֿא. ווילהעלם קריזאַנדער למשל האָט גענומען שטודירן ייִדיש טאַקע בײַ קאַלענבערגן אין זײַנע מיסיאָנעריש־מאָטיווירטע קורסן, נאָר אין זײַן גראַמאַטיק, וואָס איז אַרויס אין 1750, ווײַזט זיך אַרויס אַ ועלטענער טאַלאַנט צו באַנעמען די סטרוקטור פֿון ייִדיש. קאַרל ווילהעלם פֿרידריך (1784) האָט גרינטלעך און מיט אַ סך טאַלאַנט באַשריבן ייִדיש אין פּרײַסן און האָט זיך דער ערשטער באַמיט צו קלאַסיפֿיצירן די דיאַלעקטן פֿון ייִדיש. אַווע־לאַלעמאַן (1858־1862), אַ פּאָליצײַ־באַאַמטער אין צפֿון דײַטשלאַנד, האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין ייִדיש אין שײַכות מיט זײַנע קרימינאָלאָגישע פֿאָרשונגען. דער סוף איז געווען אַז ער האָט גאָר אָפּגעגעבן אַ העלפֿט פֿון זײַנע פֿיר בענד דער ייִדישער שפּראַך. נעענטער צום סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט האָבן צוויי ייִדישע געלערנטע, לאַזאַר שיינעאַנו (1889) און אַלפֿרעד לאַנדוי (1896) גענומען אַרײַנציִען ייִדיש אין קאָן פֿון דער קאָמפּאַראַטיווער גערמאַנישער פֿילאָלאָגיע וואָס האָט זיך דעמאָלט אַזוי צעבליט. דערמיט זײַנען זיי די באַגרינדער פֿון דער גערמאַניסטישער שול אין דער ייִדישער לינגוויסטיק. די גערמאַניסטן זײַנען די געלערנטע וואָס שטודירן די געשיכטע און סטרוקטור פֿון ייִדיש ווי אַ חלק פֿון דער פֿאַרגלײַכנדיקער גערמאַנישער לינגוויסטיק.

צו דער וועלביקער צײַט — סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט — האָבן זיך אויך גענומען באַווײַזן די ערשטע סימנים פֿון אַ פּנים־חדשות אין דער וועלט־לינגוויסטיק, דהײַנו אַ וויסנשאַפֿט פֿון ייִדיש וואָס

זאָל איר אייגן שטעטל באַשטיין, ד״ה זי זאָל זײַן אַ פֿאָרשונגס־געביט פֿאַר זיך מיט אייגענע וועלטעלעך (בתוכם לינגוויסטיק, ביבליאָגראַפֿיע, פֿאָלקלאָר, ליטעראַטור־געשיכטע און נאָך) איידער אַ צוטשעפּעניש צו עפּעס אַן אַנדער געביט. די נײַע ייִדישע פֿילאָלאָגיע איז גאונותדיק פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿון בער באָראָכאָוו, דער גרינדער און בויער פֿון אָט דעם גראַנדיעזן שטח פֿון ייִדיש־ייִדישן אויפֿטו, אין זײַנע אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע (1913). דער אַזוי פֿריצײַטיק פֿאַרשטאָרבענער באָראָכאָוו האָט ניט דערלעבט דעם טאָג אין וועלכן ס׳איז מקוים געוואָרן זײַן חלום אַז אַ ייִדיש־ייִדישע אַקאַדעמיע זאָל אויפֿקומען אויף צו אָרגאַניזירן די פֿאָרשונג און דאָס לערנען פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. אָט דער חלום איז וואָר געוואָרן אין 1925 ווען דער ייִוואָ איז אויפֿגעקומען (זען שטיף 1925; מ. ווײַנרײַך 1925). עטלעכע יאָר פֿאַר באָראָכאָווס אויפֿגאַבן, האָט דער יונגער מתתיהו מיזעס (1908) שוין גענומען אַנאַליזירן ייִדיש פֿון דער פּערספּעקטיוו פֿון ייִדיש גופֿא אין זײַן רעפֿעראַט אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ. מיזעס ברמיזא און באָראָכאָוו בכּוונה האָבן אַזוי אַרום געשאַפֿן די ייִדישיסטישע שול וואָס זי שטעלט מיט זיך פֿאָר די נײַע ייִדישע פֿילאָלאָגיע.

באַוווּסטזיניק און בפֿירוש אויפֿגעשטעלט דעם גײַסטיקן בנין פֿון דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע האָט טאַקע באָראָכאָוו. נאָר ווי ס׳טרעפֿט ניט זעלטן בײַ אינטעלעקטועלע מחדשים דאַרף מען זיך אויך רעכענען מיט זייערע נאָענטע פֿאָרויסגייער. אין פֿאַל פֿונעם אויפֿקום פֿון דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע קומען אין באַטראַכט דרײַ פּערזענלעכקייטן אין נײַנצעטן יאָרהונדערט וועמענס ליבשאַפֿט צו ייִדיש איז געקומען צום שעפֿערישן אויסדרוק גראָד אין דער שפּראַך־פֿאָרשונג. אַלע דרײַ זײַנען געווען פֿאַרליבט אין ייִדיש מיט אַ ברען און אַלע דרײַ, אויטאָדידאַקטן אין דער לינגוויסטישער וויסנשאַפֿט, האָבן זיך באַנוצט מיט די כּלים פֿון דער לינגוויסטיק אויף צו פֿאָרשן און באַשרײַבן ייִדיש. פֿיליפּ מאַנש אין לעמבערג, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט זײַן שטודיע איבער ייִדיש (מאַנש 1888־1890) געשריבן אויף דײַטש לויטן שטייגער פֿון די גערמאַניסטן, האָט ער איטלעכן פּרט פֿון ייִדישן וואָרט־אוצר, סינטאַקס און פֿאָנאָלאָגיע באַקוקט ניט נאָר דורך די אויגן פֿון דײַטש צי וועלכער ניט איז אַנדער דרויסנדיקער סטרוקטור נײַערט דורך די אויגן פֿון דער אַנאַליזירטער שפּראַך גופֿא אין גײַסט פֿון די שפּעטערדיקע ייִדישיסטן (גענוצט דאָ אין באָראָכאָווישן זין — פֿאָרשער פֿון ייִדיש לויט דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, ניט אין פּאָפּולערן זין — ׳קעמפֿער פֿאַר ייִדיש׳ הגם די אַלע גרויסע אַקאַדעמישע ייִדישיסטן אין אָט דעם באָראָכאָווישן זין זײַנען במילא געווען אויך גוזעלשאַפֿטלעכע פֿרײַנד פֿון דער שפּראַך). מאַנשעס שטודיע, וואָס מען האַלט שוין פֿון לאַנג אַז זי איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, האָט אויף ס׳נײַ אויפֿגעדעקט אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ סוף 1984 קלמן האָטאַן, דעמאָלט אַ סטודענט סײַ אויפֿן אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט סײַ אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, בשעת ער האָט געאַרבעט אין ייִוואָ בײַם מאַקס ווײַנרײַך־צענטער. אַ דאַנק זײַן אַנטדעקונג איז איצט קלאָר אַז מאַנשעס דײַטש־געשריבענע שטודיע אין ייִדישיסטישן גײַסט איז דער שטאָפּל צווישן דער גערמאַניסטישער שול וואָס שטודירט ייִדיש ווי אַ גערמאַנישע שפּראַך און דער ייִדישיסטישער שול פֿאַר וועלכער די ייִדישע פֿילאָלאָגיע איז אַ זעלבשטענדיקער צווײַג פֿון הומאַניסטישער וויסנשאַפֿט. די אַנדערע צוויי פֿאָרויסגייער פֿון דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע זײַנען די לעקסיקאָגראַפֿן — יהושע־מרדכי ליפֿשיץ (1863; 1869) אין רוסלאַנד וועלכער האָט גרינטלעך דאָקומענטירט זײַן היימישן דרום־מזרח ייִדיש (פּאָפּולער „אוקראַיִניש״) און אַלכּסנדר האַרקאַווי אין אַמעריקע וועלכער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט לעקסיקאָגראַפֿיש דאָקומענטירט זײַן היימישן צפֿון־מזרח ייִדיש (פּאָפּולער „ליטוויש״), דאָס גערעדטע און געשריבענע לשון אין אַמעריקע און אפֿשר סאָציאָלאָגיש גערעדט דאָס וויכטיקסטע — די שפּראַך פֿון דער נײַער ליטעראַטור און פּרעסע וואָס האָט זיך אַזוי שיין און ברייט צעבליט און צעוואַקסן סוף נײַנצעטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

האַרקאַווין האָט מען ניט געזשאַלעוועט קיין שאַרפֿע קריטיק אַלמאַי ער האָט אין די ערשטע צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער זײַנע אַרײַנגענומען אַזוי פֿיל „דײַטשמעריש״, מיט גענדזן־פֿיסלעך באַנוצט דאָ אין פּאָפּולערן און אין סאָציאָלאָגיש־סטיליסטישן זין: „לײַ־ווערטער פֿונעם מאָדערנעם

דײַטש וואָס די קלאַסיקער און זייערע נאָכפֿאָלגער נוצן ניט און האַלטן פֿאַר ניט־צוגעפּאַסט צו ייִדיש". אָן די גענדזן־פֿיסלעך איז דײַטשמעריש אַ לינגוויסטישער וויסנשאַפֿטלעכער באַגריף וואָס מען קען אָביעקטיוו אָפּמעסטן: אַלע לײַ־ווערטער פֿון דײַטש וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן ערשט אין נײַנצעטן יאָרהונדערט. לויט אָט דער וויסנשאַפֿטלעכער דעפֿיניציע איז קלאָר אַז אַזעלכע לײַ־ווערטער געפֿינען זיך אין אַלע סטילן ייִדיש. נח פּרילוצקי (1917: xiv) האָט שאַרף קריטיקירט האַרקאַווין אין אָט דער פּרשה, ער האָט אָבער בשעת־מעשׂה מודה געווען אַז האַרקאַוויס ווערטערביכער זײַנען „כּולל אַ סך דיאַלעקטאָלאָגישן מאַטעריאַל". מאַקס ווײַנרײַך האָט די וועלביקע קריטיק אַרויסגעזאָגט; ער האָט אָבער אָנגעוויזן אין אַ הוספֿה (1923: 241) אַז אין האַרקאַוויס אַן אַרטיקל אין פֿאָרווערטס אין 1922 האָט דער מחבר צוגעזאָגט אַרויסוואַרפֿן דעם דײַטשמערישן אויסלייג אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין צוגרייטן. האַרקאַווי האָט געהאַלטן וואָרט. מיט אַ סך יאָר שפּעטער האָט ווײַנרײַך (1971: 3) געמאַכט אָט אָ דעם סך־הכּל: „האַרקאַוויס נאָרמאַטיווע שטרעבונגען זײַנען בטבֿע געווען שוואַכע, זײַן גבֿורה האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אינווענטאַריזירן זײַן שפּראַכיקן מאַטעריאַל". האַרקאַוויס נטיה אַרײַנצונעמען אַנגליציזמען וואָס האָבן זיך אײַנגעפֿונדעוועט אין ניט־ליטעראַרישן אַמעריקאַנער ייִדיש האָט אויך געפֿירט צו דיסקוסיעס (זען למשל ניגער 1941: 23). אפֿשר איז ניט קיין צופֿאַל וואָס די מאַסן אַנגליציזמען ווערן אין דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך „פֿאַררוקט" אין דער הוספֿה צו דער אויפֿלאַגע פֿון 1928.

צי האַרקאַווי איז „געווען גערעכט" אָדער „ניט געווען גערעכט" בײַם אַרײַננעמען מאַסן „דײַטשמעריזמען" וואָס זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער שפּראַך פֿון דער דעמאָלטיקער פּרעסע ווענדט זיך אין גאַנצן אין דעם באַטראַכטערס לינגוויסטישער טעאָריע. די שײַכותדיקע מחלוקת דאָ איז צווישן די נאָרמאַטיוויסטן (אָדער: פּרעסקריפּטיוויסטן) און די דעסקריפּטיוויסטן. די נאָרמאַטיוויסטן האַלטן אַז מען דאַרף נוצן ווערטערביכער און גראַמאַטיקעס אויף צו כּײַטן דאָס לשון אין אַ באַשטימטער ריכטונג. די דעסקריפּטיוויסטן האַלטן דערקעגן אַז גראַמאַטיקער און לעקסיקאָגראַפֿן דאַרפֿן פּשוט באַשרײַבן ערלעך דאָס וואָס זיי זעען און הערן. אַז מען איז משׂיג האַרקאַווין גאַנצערהייט, באַקומט זיך אַז מען קען אים ניט צוטשעפּענען צו וועלכער ניט איז „מחנה". ער האָט בפֿירוש געגלייבט אין אַ נאָרמאַליזירטער אָרטאָגראַפֿיע און גראַמאַטיק אָבער ער האָט עס ניט געהאַלטן פֿאַר דער עובֿדא פֿון לעקסיקאָגראַף צו שילדערן עפּעס אַנדערש איידער די עמפּיריש־אמתע שפּראַכיקע פֿאַקטן. אין ראַם פֿון אַן עקספּערימענטאַלן זשורנאַליסטישן פֿאָרמאַט איז האַרקאַווי גאָר געווען דער סאַמע ערשטער אין דער געשיכטע וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צײַטונג מיט אַ רעפֿאָרמירטער פֿאָנעטישער אָרטאָגראַפֿיע — דער ייִדישער פּראָגרעס אין באַלטימאָר אין 1890. נאָך אין די 1880ער האָט ער פֿאָרגעלייגט אָרטאָגראַפֿישע רעפֿאָרמען (זען למשל האַרקאַווי 1888). הייסן הייסט דאָס אַז האַרקאַווי דער „דעסקריפּטיוויסט" איז געווען אַ פּיאָנער פֿון אונדזער נײַעם ייִדישן אויסלייג וואָס איז שפּעטער־צו פֿאָרמולירט געוואָרן וויסנשאַפֿטלעך דורך בער באָראָכאָוון (1913: 18־22) און קאַנאָניזירט געוואָרן מיט מאָדיפֿיצירונגען דורך זלמן רייזענען (1920: 102־162). ערשט אין 1920 האָט די ייִדישע ליטעראַטור אַוועקגעוואָרפֿן די אָנשיקעניש פֿון די שטומע עינס און הייען וואָס די משׂכּילים האָבן מעכאַניש אַריבערגעטראָגן פֿון דײַטש אין ייִדיש אַרײַן אין נײַנצעטן יאָרהונדערט. האַרקאַווי, תּמיד אַ חסיד פֿונעם אמת, האָט זיך באַנוצט מיט דעם דײַטשמערישן אויסלייג וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן ביז בערך 1920 און מיט דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע נאָך יענעם יאָר.

דאָס אייגענע איז שייך צום וואָרט־אוצר. מער פֿון אַלצדינג וואַרפֿט זיך אין די אויגן די פֿאַרקלענערונג אין דער צאָל דײַטשמעריזמען אין אָט דעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך אין פֿאַרגלײַך מיט האַרקאַוויס פֿריִערדיקע ייִדיש־ענגלישע און ענגליש־ייִדישע ווערטערביכער. דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די שפּראַך פֿון דער פּרעסע און דער פּאָפּולערער ליטעראַטור סוף נײַנצעטן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין די צוואַנציקער יאָרן איז שוין נמאס געוואָרן די דײַטשמערישע פֿאַרפֿלייצונג פֿון דער פּרעסע און דער פּאָליטיק און האַרקאַווי האָט ווידער באַוויזן אַקוראַט צו

שילדערן אַ גיך־בײַטנדיקן סינכראָנישן מצבֿ. מען דאַרף אויך האַלטן אין זינען אַז אין די צוואַנציקער יאָרן (און מכּל־שכּן שפּעטער) איז מען שוין ניט געגאַנגען זוכן נײַע דײַטשישע ווערטער. דאָס וואָס מען האָט אַוועקגעוואָרפֿן איז אַוועק און דאָס וואָס איז געבליבן איז שוין געבליבן און איז שוין לאַנג: ייִדיש. די אַלע דײַטשמעריזמען (אין לינגוויסטישן זין — לײַ־ווערטער וואָס זײַנען אַרײַן אין דער שפּראַך לפֿי־ערך שפּעט) וואָס מען געפֿינט אין האַרקאַוויס דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך האָבן זיך בדרך־כּלל טיף פֿאַרוואָרצלט אין ייִדיש ווי זיי אַנטוויקלען זיך ווײַטער אין איינעם מיט דער שפּראַך גאַנצערהייט. מען הערט זיי בײַם ווײַט־גרעסטן רובֿ קולטורעל־באַוווסטזיניקע געבוירענע ייִדיש־ריידנדיקע און מען זעט זיי בײַ די בעסטע שרײַבער. אַזוי אַרום קען דער איצטיקער ווערטערבוך דינען פֿאַר אַ סטיליסטישן וועגווײַזער צום בעסטן ליטעראַרישן ייִדיש.

דער איצטיקער איבערדרוק פֿון האַרקאַוויס ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך פֿאַרבײַט ניט חלילה אוריאל ווײַנרײַכס מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך. אַדרבא, די צוויי ווערק זײַנען משלים איינס דאָס אַנדערע. ווײַנרײַכס ווערטערבוך איז אַן אַקאַדעמיש מײַסטערווערק פֿון דער מאָדערנער לעקסיקאָגראַפֿיע וואָס איז אי טעכניש־טיפּאָגראַפֿיש אי גראַמאַטיש־אַנאַליטיש אי טעאָרעטיש־סעמאַנטיש אויפֿן העכסטן וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ. דערצו איז ווײַנרײַכס ווערטערבוך כּולל סײַ ייִדיש־ענגליש סײַ ענגליש־ייִדיש. ער וועט בלײַבן דער ערשטער ווערטערבוך פֿאַר תּלמידים־אָנהייבער וואָס לערנען זיך ייִדיש, פֿאַר לייענער וואָס נייטיקן זיך אין ייִדישע עקוויוואַלענטן צום ענגלישן וואָקאַבולאַר פֿון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע און פֿאַר די וואָס ווילן וויסן דעם צוגאַנג פֿון אַמעריקאַנער נאָרמאַטיוויסטן צו אַ ספּעציפֿיש וואָרט. אין משך פֿון לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דאָס פֿאַרשווּנדן ווערן פֿון האַרקאַוויס דרײַשפּראַכיקן ווערטערבוך פֿון ייִדישן ביכער־מאַרק איז אַן ערנסטער קלאַפּ די מער אַוואַנסירטע סטודענטן און לייענער וועלכע נייטיקן זיך אין אַ פֿולערער אָפּשפּיגלונג פֿונעם וואָרט־אוצר פֿון די גרעסטע שרײַבער ווי אויך אין אַ ווערטערבוך וואָס איז מער דעסקריפּטיוו אָריענטירט.

אַחוץ בײַ האַרקאַווין און ווײַנרײַכן קען מען געפֿינען אַן אוצר מיט ייִדיש אין די ערשטע פֿיר בענד פֿון יודל מאַרקס גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך (יאָפֿע און מאַרק 1961, 1966; מאַרק 1971, 1980), וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט יודאַ אַ. יאָפֿעס מיטרעדאַקציע. די פֿיר בענד דערגייען בלויז ביזן סוף פֿון אות א. דאָך נעמען זיי אַרײַן אַן אַ שיעור מער ווי ס׳קען זיך דאַכטן אויפֿן ערשטן בליק. ערשטנס געפֿינט מען אין די פֿיר בענד כּמעט אַלע ווערבן אין ייִדיש צוליב דער גרויסער צאָל קאָנווערבן וואָס הייבן זיך אָן מיט א, אַזוי אַרום אַז מען קען בדרך־כּלל טרעפֿן וועלכן ניט איז ווערב בײַ איינעם פֿון די קאָנווערבן (אויס־, אויפֿ־, אײַנ־, אָפּ־, אַאַז״וו). צווייטנס איז די צאָל ייִדישע ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט א במילא זעלטן גרויס צוליב די זיבן וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען וואָס ווערן פֿאַרצייכנט אָדער פּרעפֿיקסירט מיט א וואָרט־אײַן (אַ־, אָ־, או־, אוי־, אי־, איי־, אײַ־). די אַרבעט אויף די ווײַטערדיקע בענד ליגט אין די הענט פֿון אַ קאָלעקטיווער רעדאַקציע (זען מאָסקאָוויטש און וואָלף 1981).

אָט די אויפֿלאַגע פֿון האַרקאַוויס ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך איז אַ פֿאָטאָמעכאַנישער איבערדרוק פֿון דער צווייטער אויפֿלאַגע וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1928, אָן ווײַטערדיקע שינויים אָדער תּיקונים. דער תּוכן איז אידענטיש מיט דער ערשטער אויפֿלאַגע (ניו־יאָרק 1925) מערניט דער מחבר האָט צוגעגעבן די הוספֿה וואָס געפֿינט זיך אויף די זז׳ 531־583. צוליב דער פּשוטקייט פֿון זײַן סטרוקטור נייטיקט זיך ניט דער ווערטערבוך אין וועלכע ניט איז פּירושים און אויפֿקלערונגען, ס׳איז אַ בוך צום נוצן און צום הנאה האָבן ווי ער שטייט און גייט, מיט זײַן לעקסיקאָגראַפֿישער עשירות, ווי אויך מיט זײַנע פֿעלערן און חסרונות. צום באַוווסטסטן איז האַרקאַוויס געבן דעם גראַמאַטישן מין פֿון סובסטאַנטיוון בלויז בײַם אות א (און קאָנסעקווענט בלויז אויף די ערשטע צוויי זײַטן). נאָר אַזאַ פֿאָלקסמענטש און פֿאָלקסהעלד ווי אַלכּסנדר האַרקאַווי איז געווען מסוגל אַרויסקריכן פֿון אָט אַזאַ מין קאַפּריזנעם דרך אַ לעבעדיקער. ער דערקלערט דאָס מיט זײַן פֿאָלקסטימלעכן טאָן פֿון ערלעכקייט מיטן לייענער אין דער הקדמה צום איצטיקן באַנד

(ד׳ iii) אָט אַזוי אָ: „איך האָב זיך אַרומגעזוען, אַז אָן קינצלען איז דאָס אוממעגלעך, ווײַל עס זײַנען ניטאָ קיין פֿעסטע כּללים פֿאַר דעם גראַמאַטישן מין פֿון נאָמענווערטער אין ייִדיש, און איך האָב דאָס דעריבער אויפֿגעהערט נאָך דעם אות א״. דעם פֿעלער האָט האַרקאַווי שוין איין מאָל אויסגעבעסערט אין זײַן נאָך־ניט דערשינענעם ייִדישער פֿאָלקס־ווערטערבוך וועגן וועלכן ס׳וועט באַלד קומען די רייד.

האַרקאַוויס עטימאָלאָגיעס זײַנען אָפֿט מאָל געוואַגטע און אַ מאָל גאַנץ אומזיכערע, תּמיד זײַנען זיי אָבער טשיקאַווע. כּדאַי כאַפּן אַ קוק בײַ די זוכווערטער אַוועקלייגן דעם טאָטן (ז׳ 233); אומגעלומפּערט (ז׳ 28); באַהאַוונט (ז׳ 102); באַשײַמפּערלעך (ז׳ 136); בבֿא־מעשׂה (ז׳ 112); בהלן [=בעלן] (ז׳ 113); בלעי״ז (ז׳ 125); גמניט (ז׳ 154); געפּלעפּט (ד׳ 155); האָזע [=העזה] (ז׳ 181); האַצעפּלאָץ (ד׳ 185); חוזק (ז׳ 225); טויטע קללות / טויטע שבֿועות (ד׳ 236); טרייבערן (ז׳ 245); פּליא (וערן) [=קאַליע] (ד׳ 262); כאַנטע (ז׳ 258); לעקעך (ז׳ 281); מאַווריע (ד׳ 284); מאַכטייסע [=מהיכא תּיתי] (ד׳ 285); מחזקות (ז׳ 297); מילגרוים (ז׳ 301); מישטיים געזאָגט (זז׳ 303, 581); משיטא [=משקיט] (ז׳ 316); ניטל (ז׳ 326); נישקאָשע [=נישקשה] (ד׳ 328); נעבעך (ז׳ 329); סקאָצל קומט (זז׳ 344, 564); עכבראָש (ז׳ 348); עס ווענדט זיך וואו דער חמור שטייט (ז׳ 229); פּאָוקעווען (ז׳ 360); פּאַרעוו (ז׳ 363); פֿאַרגליווערן (ז׳ 386); פֿאַרפֿל (ז׳ 397); ציהונדער (ד׳ 426); קאַטאַוועס (ז׳ 574); קבצן (ז׳ 448); רײַסן (ז׳ 477); שלי(מ)מזל (ז׳ 506); שמדן (ז׳ 508); תּרח (ז׳ 524).

פֿונעם עלטערן ייִדיש זײַנען פֿאַראַן אי אַרכעיִזמען אי עבֿרי־טײַטש ווערטער. צווישן זיי געפֿינט מען ביז קען (ז׳ 118); ברײַלאַף/ברײַלעפֿט (ז׳ 134); ווידמענען (ז׳ 205); חיבור ׳ליטעראַרישע (ניט־ווערטערלעכע) איבערזעצונג׳, ד״ה לויטן חיבור = סינטאַקס פֿון דער צילשפּראַך (ז׳ 551); לינדוואָרעם (ז׳ 277); פֿעדערן (ז׳ 411); קרן ׳חתן׳ אָדער ׳כּלה׳ (ד׳ 468). מען געפֿינט די פֿאָלקלאָריסטישע באַגריפֿן אָפּצוג (ז׳ 78) און באַנעמונג (ז׳ 107).

פֿונעם פֿאָלקסטימלעך־קאָלאָקוויאַלן אַמעריקאַנער ייִדיש וואָס האָט זיך אַנטוויקלט גיך־ווינציק אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סײַד ברענגט האַרקאַווי אייער צום יוון מיט דער אָנווײַזונג אַז „אַזוי זאָגן ייִדישע ווײַבער אין אַמעריקע אויף אייער, וואָס זײַנען ניט גוט צום קאָכן אָדער בראָטן״ (ז׳ 554); אַפּאַדערן (ז׳ 70); דאַטל דו (ז׳ 544); האָבן אַ גוד טײַם (ז׳ 583); האַרי־אַפּ (ז׳ 547); טו־לעט מיט דער אָנווײַזונג אַז „ייִדן רופֿן אַזוי אָן אַ צעטל אָדער ברעטל מיט אַ מודעה וועגן פֿאַרדינגען אַ הויז אָדער דירה...״ (ז׳ 551); סאַנאַוועגאַן ווו דער לייענער ווערט אַריבערגעשיקט אויף סאַנאַוועביטש (ז׳ 561); עודאַסטן (ז׳ 566); פּאַקעט־בוך (ז׳ 362); צאַמיס וואָס ווערט צוגעשריבן דעם ענגלענדער ייִדיש (ז׳ 415); קאַקערוטש־באַס מיט דער אָנווײַזונג אַז „דאָס וואָרט גייט אום צווישן ייִדישע יוניאָן־אַרבעטער״ (ז׳ 576). אַ קוריאָז פֿון יענער אימיגראַנטישער תּקופֿה אויף דער אַמאָליקער איסט־סײַד איז האַרקאַוויס צושטעלן ספּעציעלע דיאַקריטישע סימנים איבער ד און ט בײַ אַנגליציזמען ווו דער ענגלישער ענטפֿערער איז th (ד״ה [ð] אָדער [θ]) אין דער הוספֿה צו דער צווייטער אויפֿלאַגע אין 1928, בכדי צוצוהעלפֿן דעם אימיגראַנט ער זאָל ריידן און שרײַבן ענגליש ריכטיק. אין דער וועלביקער צײַט האָט האַרקאַווי געוואָרנט אַז „זיי דאַרפֿן אָבער געלייענט ווערן ווי פּשוטע ד און ט״ (ז׳ 531) אויף ייִדיש, ווו ער האָט אָפּנים געהאַלטן אַז זיי דאַרפֿן זיך אײַנבירגערן אין דער נאַטירלעכער פֿאָנעטיק פֿון ייִדיש, מען זאָל זיי ניט אַרויסריידן פּרעטענציעז.

דער סינטעז צווישן דער נייטיקייט אין אַמעריקאַניזירונג און געטרײַשאַפֿט צו ייִדיש וואָס איז בסך־הכּל דער סימן־מובֿהק פֿון האַרקאַוויס לעבן ווײַזט זיך אפֿשר אַרויס צום בולטסטן דאָ אין ווערטערבוך אין דער רשימה פֿאָרגעלייגטע ענגליש־שפּראַכיקע עקוויוואַלענטן אויף טראַדיציאָנעלע ייִדישע פּרט־נעמען (זז׳ 525־530). די „אַנגליזירער״ גיט ער די ברירה צו נוצן כּנהוג די ענגליש־ביבלישע עקוויוואַלענטן (אַשטייגער אַבֿרם ← Abraham) אָדער „איבערגעזעצטע״ עקוויוואַלענטן (אַשטייגער זעליג ← Felix). להיפּוך צו כּמעט אַלע אַנדערע „אַמעריקאַניזירער״ גיט אָבער האַרקאַווי אויך די ברירה (און מען איז חושד אַז דאָס איז ער שטילערהייט אויסן אויסצופֿירן אויף אַן אמת) פּשוט צו נוצן אויף ענגליש די ייִדיש־ייִדישע נעמען מערניט מיט אַ פֿאַרענגלישטן אויסלייג, אַ ברירה וואָס האָט זיך קוים וואָס אָנגענומען אין קאָלומבוסעס מדינה, אַשטייגער אַלטער ← Alter, טרײַטל ←

Trytl, **טשאַרנע** ← Charna, **ליפּע** ← Lippa, **מאַלע** ← Malla, **קלמן** ← Kalman, **שעפּטל** ← Sheftl. ווו ס'לאָזט זיך גיט אָפּ האַרקאַווי דעם יִדיש־יִדישן נאָמען דעם אויבנאָן, צוגעבנדיק דערנאָך אין האָלבע לבֿנות די ענגליש־ענגלישע ברירה, אַשטייגער גליקע ← Glicka (לעבן Beatrice, Felicia), זלאַטע ← Zlatta (לעבן Aurelia), טרײַנע ← Tryna (לעבן Catharine), סענדער ← Sander (לעבן Alexander), שפּרינצע ← Sprintza (לעבן Hope).

פֿאַראַן אויך דיאַלעקטאָלאָגיע. אין תּחום פֿונעם מזרח־אייראָפּעיִשן יִדיש איז האַרקאַווי צום נאָענטסטן באַקאַנט, פֿאַרשטייט זיך, מיט זײַן היימישן ליטווישן יִדיש, אָנווײַזנדיק, למשל, אַז אין ווועל שיקן נאָך דיר דעם בראָדער שמשׂ האָט ער געהערט „אין מײַן געבורטשטאָט מיט פֿופֿציק יאָר צוריק" (ז' 541). די דיאַלעקטן פֿון אַמאָליקן מערבֿ־יִדיש וועלן אומגעריכטערהייט גאַנץ פֿײַן רעפּרעזענטירט, אָפֿט מאָל מיט אָפּשיקן צו טירשעס (1782) האַנטלעקסיקאָן. חזר־בחור 'פּריוואַטער לערער' וועט צוגעשריבן דעם דײַטשלענדישן יִדיש (ז' 226) בעת פֿאַרשפּיל 'הוליען זיך מוצאי שבת פֿאַר דער חתונה' (ז' 403) און שאָודער־באָודער. אַ כּפּרה פֿאַר אייגאָודער 'איינער איז פּונקט אַזוי שלעכט ווי דער צווייטער' וועלן צוגערעכנט דעם עסטרײַכישן יִדיש (ז' 485). צו דער קאָנטראַסטיווער פֿאָנאָלאָגיע ווערט געבראַכט די מערבֿ־יִדישע פֿאָרמע יִדשן (אָנשטאָט אונדזער יִדישן 'מל זײַן') מיט דער אָנווײַזונג אַז דאָס ווערט אין מערבֿ־יִדיש רעאַליזירט יִטשן (ז' 254). צווישן די מערבֿ־יִדישע ווערטער בײַ האַרקאַווין געפֿינט מען פּילצל 'מיידל' (ז' 368), פּלאָנכענען 'וויינען' (ז' 371), צוואָרלע 'שניפּס', 'שאַל' פֿון לשון צוואר 'האַלדז' (ז' 416) און שקעדעלע 'קעסטעלע' (ז' 518).

באַליבט איז אַלכּסנדר האַרקאַווי בײַ די אַלע וואָס נוצן זײַנע ווערטערביכער. ניט געקוקט אויף זײַן גאַנצן ברייטן וויסן און זײַנע גוואַלדיקע דערציִערישע און וויסנשאַפֿטלעכע אויפֿטוען, איז ער געבליבן אַ באַשיידענער, גוטמוטיקער פֿאָלקסטימלעכער ייִד וואָס רעדט תּמיד אָפֿן און ערלעך מיט זײַן לייענער ווי צו אַ פֿרײַנד, ניט ווי אַ פּראָפֿעסאָר צו אַ ייִנגעלע. אַז ער ווייס עפּעס ניט זאָגט ער עס פֿראַנק און פֿרײַ. אַזוי געפֿינט מען למשל בײַ שאַלאָטן־שמשׂ: „די באַדײַטונג פֿון שאַלאָטן קען איך ניט דערגיין; איך פֿאַרטײַטש דאָס וואָרט נאָך דעם זין, און וועלכן עס ווערט געווייגטלעך באַנוצט" (ז' 484); בײַ שמאַכן זאָגט ער אַז „די עטימאָלאָגיע פֿון דעם וואָרט איז מיר ניט באַקאַנט. די באַדײַטונג גיב איך לויט דעם צוזאַמענהאַנג" (זז' 507־508; זען קאַרמאַן 1954: 56־57; מאַרק 1954: 60). מען געפֿינט אַפֿילו — „אײַזיק מאיר דיק זאָגט ערגעץ..." (ז' 119). פּונקט ווי האַרקאַווי דער מחבר פֿון ווערטערביכער איז האַרקאַווי דער מענטש געווען באַליבט מיט זײַן פֿאָלקסטימלעכער גוטמוטיקייט. גרשון האַרקאַווי פֿלעגט אָפֿט דערציילן אַז אַלכּסנדר איז קיין מאָל ניט פֿאַרביטערט געוואָרן אַלמאַי די פֿאַרלעגער פֿלעגן אים קוים באַצאָלן כאָטש אַליין האָבן זיי פֿאַרדינט אַ מאַיאָנטיק פֿון די דערפֿאָלגרײַכע ווערטערביכער וואָס דער עולם האָט צעכאַפּט. אַז מען האָט אַלכּסנדרן בײַ איינעם אַ באַנקעט לכּבֿוד זײַנעם אַ ווערטערבוך געפֿרעגט פֿאַרוואָס דער ווערטערבוך ברענגט אים ניט קיין גליק (געמיינט אין מאַטעריעלן זין), האָט אַלכּסנדר באַלד אויף אַן אָרט געגעבן אַ מיש־אויף צום אות ג, אָנגעוויזן אויפֿן וואָרט „גליק" און אַ זאָג געטאָן: „אָט האָסטו אויך גליק אין ווערטערבוך".

נאָכן אַרויסגעבן זײַן יִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך האָט זיך האַרקאַווי גענומען צום גראַנדיעזן לעבנס־פּראָיעקט זײַנעם, דעם מאַסיוון יִדיש־יִדישן ווערטערבוך וואָס הייסט דער יִדישער פֿאָלקס־ווערטערבוך. אין האַרקאַוויס הקדמה צו אָט דעם קיין מאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכטן ווערק שרײַבט זיך (האַרקאַווי 1931: 289) אָט וואָס: „בײַ דעם פֿאָרשריט, וואָס די יִדישע שפּראַך האָט געמאַכט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן, איז דאָ אַ נייטיקייט צו שאַפֿן אַן אַנדער מין ווערטערבוך פֿאַר אונדזער פֿאָלק, ווי די ווערטערביכער, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביז אַהער [...]. דער יִדישער פֿאָלקס־ווערטערבוך איז אַ יִדיש־יִדישער ווערטערבוך — אַ ווערטערבוך פֿון יִדיש לשם יִדיש. נאַציאָנאַלע ווערטערביכער זײַנען בײַ אַלע קולטור־פֿעלקער שוין דאָ פֿון לאַנג; איצט [...] איז געקומען די צײַט, אַז אַזאַ ווערטערבוך זאָל אויך געשאַפֿן ווערן פֿאַר אונדזער פֿאָלקשפּראַך". מיט אָט אָ דער געהויבנקייט האָט האַרקאַווי צונויפֿגעשטעלט דעם ווערטערבוך פֿון פֿופֿציק טויזנט

# ביבליאָגראַפֿיע

## (דער אויסלייג ווערט נאָרמאַליזירט אין ווערק<br>וואָס זײַנען אַרויס אין און נאָך 1913)


**אַווע־לאַלעמאַן, פֿרידריך קריסטיאַן בענעדיקט**

1862-1858 Friedrich Christian Benedict Avé-Lallemant, *Das deutsche Gaunerthum in seiner social-politischen, literarischen und linguistischen Ausbildung zu seinem heutigen Bestande.* 4 vols. Leipzig: F.A. Brockhaus.

**[ר׳ אַנשיל]**

1534 מרכבת המשנה. **קראָקע.**

**באָראָכאָוו, בער**

1913 „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע״ אין ש. **ניגער** 1913: 1-22.

**בחור, אליה**

1541 בבא דאנטונא. **אייזנה.**

1542 שמות דברים בלשון עברי ובלשון רומיי גם אשכנזי כנגדו מסודרים כסדר אלפא ביתא על ידי המחבר אליה לוי אשכנזי המדקדק לחן ולרצון לכל תלמידי לשון הקדש. **אייזנה.**

**ביכער וועלט**

1929 „אַלכּסנדר האַרקאַווי״ אין ביכער וועלט (**וואַרשע**) 3: 67-68.

**בירנבוים, שלמה**

[1918] Salomo A. Birnbaum, *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache für den Selbstunterricht. Mit Lesestücken und einem Wörterbuch.* Vienna and Leipzig: A. Hartleben.

**בן גרשון, שמחה**

1657 ספר שמות והוא חבור שמות אנשי׳ ונשים שמות הקודש ורומנייא וספרד ואשכנז ושאר לשוות הגוים וקצת שמות עיירות ונהרות מדינה ומדינה ככתבה ועם ועם כלשונו. **ווענעדיג.**

**בן יקותיאל, מרדכי שמואל יעקב**

1590 ספר דיבר טוב. **קראָקע.**

**האַנאָווער, נתן־נטע**

1660 ספר שפה ברורה. **פּראָג.**

1701 ספר שפה ברורה [מיט אַ פֿראַנצייזישער קאָלאָנע וואָס ס׳האָט צוגעגעבן יעקב בן זאב]. **אַמסטערדאַם.**

**האַרקאַווי, אַלכּסנדר**

1885 „מבטא הרפה של האותיות ג׳ ד׳ ר׳״ אין המגיד (ליק) 51, 31 **דעצעמבער.**

1886 שפראַך־וויססענשאַפֿטליכע ביבליאָטעק. דיא יידיש דייטשע שפראַך. **ניו־יאָרק: ידישע גאַזעטן.**

1888 „בריוו מכח אונזער שפראַך. אַ קריטיק איבער דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון דער ׳נ. י. יוד. איל. צייט׳״ אין ניו־יאָרקער יודישע איללוסטרירטע צייטונג (**ניו־יאָרק**) 6/1: 9-10.

1891 פֿאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך. **ניו־יאָרק: י. סאַפּירשטיין.**

1895-1894 „איז ייִדיש־דייטש אַ שפראַך?״ אין זײַן דער אַמעריקאַנישער פֿאָלקס־קאַלענדאַר. **ניו־יאָרק: קאַנטראָוויץ און קאַצענעלענבאָגען.** 38-54.

1895 „גוישע נעמען ביי אידען״ אין דער אמת (**באָסטאָן**) 24/1, 11 **אָקטאָבער:** 208.

1896 היש משפט לשון לשפת יהודית? תשובה ברורה לשוטני שפת יהודית המדוברת. **ניו־יאָרק: בדפוס א.ח. ראזענבערג** [= נר המערבי (**ניו־יאָרק**) 1895-1896, 2/1: 17-22; 3/1: 25-31; 8/1: 9-1 ;17/2-24 (פֿאַלשע פּאַגינאַציע פֿון נאָכאַנאַנדיקן טעקסט)].

1898 יידיש־ענגלישעס ווערטערבוך. **ניו־יאָרק.**

1901 „ידישע באַללאַדען אין העברעאיש און יידיש־דייטש״ אין דיא נאַציאָן (**ניו־יאָרק**), **אויגוסט,** 1: 19-21.

1906 „איז יידיש־טייטש אַ שפראַך? אַן ענטפֿער צו דיא קריטיקער פֿון אונזער מאַמע־לשון״ אין מיניקעס יאָהר בוך (**ניו־יאָרק**), 2: 126-134.

1924 „אַן אַלטע ייִדישע קאָניוגאַציע" אין ייִדישע פֿילאָלאָגיע (וואַרשע) 1: 212־213.

1925 ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך. ניו־יאָרק.

1928 ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך. צווייטע, פֿאַרבעסערטע און פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע. ניו־יאָרק: היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

1929 דער ענגלישער הויז־לערער. פּראַקטישע לעקציאָנען אין ענגליש. אַ נײַע מעטאָדע צו לערנען אָן אַ לערער. ניו־יאָרק: היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

1931 „אויסצוגן פֿון דעם 'ייִדישן פֿאָלקס־ווערטערבוך'" אין ייִוואָ־בלעטער (ווילנע) 1: 289־300.

1934 *Bella and I. Our Portraits from Youth to Advanced Age. A Souvenir to Relatives and Friends on the Fourth Anniversary of the Death of my Beloved Life-Mate Bella [née Segalowsky] who departed on Adar 27, 5690–March 27, 1930.* New York: Alexander Harkavy.

1935 פּרקים מחיי. ניו־יאָרק: היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

העליץ, פּויל

1543 Paul Helicz. *Elemental oder Lesebüchlen. Doraus meniglich mit gutem grund underwisen wirt wie man deutsche Büchlen/Missiuen oder Sendbriue/Schuldbriue/so mit ebreischen ader* [sic] *jüdischen Buchstaben geschriben werden.* Hundesfeld.

הרכבי, אברהם אליהו

1867 היהודים ושפת הסלאווים. מדרשות וחקירות בקורות בני ישראל בארץ רוסיא. ווילנע: בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם ראם.

הרכבי, צבי

1953 לחקר משפחות. ירושלים: הוצאת הספרים הארץ ישראלית.

ווײַנרײַך, אוריאל

1949 Uriel Weinreich, *College Yiddish: An Introduction to the Yiddish Language and to Jewish Life and Culture.* New York: YIVO.

1968 מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך. ניו־יאָרק: ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ און ביכער־פֿאַרלאַג מעגראָ־היל. מיט פּאַפּירענע טאָוולען: פֿאַרלאַג שאָקען, ניו־יאָרק 1977.

ווײַנרײַך, מאַקס

1923 שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור־געשיכטע. בערלין: וואָסטאָק.

1925 „ווילנער טעזיסן וועגן ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט" אין די אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט (ווילנע) 35־39.

1971 „די ייִדישע כּלל־שפּראַך אין דער צווייטער העלפֿט צוואַנציקסטן יאָרהונדערטס" אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק) 30: 2־18 [געדרוקט נאָך מאַקס ווײַנרײַכס טויט — געענדיקט געוואָרן דעם 28סטן יאַנואַר 1969].

1973 געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד. ניו־יאָרק: ייִוואָ.

[ווײַנרײַך, מאַקס און זלמן רייזען]

1931 די ערשטע ייִדישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ 1908. ווילנע: ייִוואָ.

[טירש, ל.]

1782 [L. Tirsch], *Handlexicon der jüdisch-deutschen Sprache.* Prague: Johann Ferdinand Edlen von Schönfeld.

טשובינסקי, ברוך

1960 „האַרקאַווי, אַלכּסנדר" אין לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. ניו־יאָרק: אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס (פֿאַראייניקט מיט ציקאָ) 3: 80־85.

יאָפֿע, יודאַ אַ.

1949 אליה בחור. פּאָעטישע שאַפֿונגען אין ייִדיש. אַרויסגעגעבן צום פֿירהונדערטן יאָרטאָג פֿון זײַן טויט (1549־1949). ניו־יאָרק.

יאָפּע, יודאַ אַ. און יודל מאַרק

1961 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַנד 1. ניו־יאָרק: קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

1966 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַנד 2. ניו־יאָרק: קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

ייִוואָ

1933 „האַרקאַווי־ביבליאָגראַפֿיע" אין האַרקאַוויס ביאָ־ביבליאָגראַפֿיע. אַרויסגעגעבן פֿון דעם יובילײ־קאָמיטעט לכּבֿוד האַרקאַוויס זיבעציק־יאָריקן יובילײ. ניו־יאָרק: היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

1934 „לכּבֿוד אַלכּסנדר האַרקאַווי צו זײַן 70סטן געבוירנטאָג" אין ייִוואָ־בלעטער (ווילנע) 6: 1־4.

לאַנדוי, אַלפֿרעד

1896 Alfred Landau, "Das Deminutivum der gàlizisch-jüdischen Mundart. Ein Capitel aus der jüdisch-deutschen Grammatik" in *Deutsche Mundarten* (Vienna) 1: 46–58.

ליפֿשיץ, יהושע־מרדכי

1863 „די 4 קלאסען" אין קול מבֿשׂר (אָדעס) 21: 323־328; 23: 364־366; 24: 375־378.

1869 ריסיש־יודישער ווערטער ביך. זשיטאָמיר: בדפוס א.ש. שאדאוו.

1876 יודעש־ריסישער ווערטערביך. זשיטאָמיר: י.מ. באקשט.

מאנש, חיים בהאלוף הר"ר מנחם מגלוגא

[1717±] מראה הכתב בל"א וראשי תיבות.

מאַנש, פֿיליפּ

1888־1890 Philipp Mansch, "Der jüdisch-polnische Jargon" in *Der Israelit* (Lemberg) 21: 18–23, 22: 1–4, 6, 7, 9, 10, 12, 14, 18, 23: 1, 3–8 [typescript in YIVO, Max Weinreich Archive, 40, 3: 468].

מאָסקאָוויטש, וואָלף און מאיר וואָלף

1981 Wolf Moskovich and Meyer Wolf, "The Great Dictionary of the Yiddish Language: Design and Prospects" in *Deutsche Philologie* (Berlin) 100 (Sonderheft): 55–78.

מאַרק, יודל

1940 „אַלכּסנדר האַרקאַווי" אין ייִוואָ־בלעטער (ניו־יאָרק) 15: 161־163.

1954 „באַמערקונגען צו באַמערקונגען" אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק) 14: 59־61.

מאַרק, יודל

1971 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַנד 3. ניו־יאָרק: קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

1980 גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַנד 4. ניו־יאָרק און ירושלים: קאָמיטעט פֿאַרן גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

מיזעס, מתּתיהו

1908 „מתּתיהו מיזעסעס רעפֿעראַט וועגן דער ייִדישער שפּראַך" אין ווײַנרײַך און רייזען 1931: 143־193.

מרמר, קלמן

1926 „צווישן ביכער און זשורנאַלן. אַלכּסנדר האַרקאַוויס 'ייִדיש־ענגליש־העברעאיש ווערטערבוך'" אין די פֿרײַהייט (ניו־יאָרק), 19 סעפּטעמבער.

ניגער, ש., רעד'

1913 דער פּנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע. ווילנע: ב.א. קלעצקין.

1941 „לאָמיר זײַ כּשרן" אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק) 1: 21־24.

1973 פֿון מײַן טאָגבוך. ניו־יאָרק: אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס.

סטוטשקאָוו, נחום

1950 דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אונטער דער רעדאַקציע פֿון מאַקס ווײַנרײַך. ניו־יאָרק: ייִוואָ.

**פּרילוצקי, נח**

1917 דער ייִדישער קאָנסאָנאַנטיזם. באַנד ו: די סאָנאָרלויטן [= זײַן ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגישע פֿאָרשונגען. מאַטעריאַלן פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער גראַמאַטיק און פֿאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ו = נח פּרילוצקיס כּתבֿים. ז]. וואַרשע: נײַער פֿאַרלאַג.

**פֿרידריך, קאַרל ווילהעלם**

1784 Carl Wilhelm Friedrich, *Unterricht in der Judensprache, und Schrift zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte*. Prenzlau: Chr. Gottf. Ragoczy.

**קאַץ, דוד**

אין דרוק „די עלטערע ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע: נאָטיצן איבער מקורות און מעטאָדן״ אין אַקספֿאָרדער ייִדיש.

1986 Dovid Katz, “On Yiddish, In Yiddish and For Yiddish: Five Hundred Years of Yiddish Scholarship” in Mark Gelber, ed., *Identity and Ethos: Festschrift for Sol Liptzin on the Occasion of his 85th Birthday*. New York, Berne and Frankfurt am Main: Peter Lang.

**קאַרמאַן, עזרא**

1954 „באַמערקונגען צו ׳וואָרטשאַפֿונג אין ה. לייוויקס לידער׳ ״ אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק) 14: 56־59.

**קריזאַנדער, ווילהעלם קריסטיאַן יוסט**

1750 Wilhelm Christian Just Chrysander, *Jüdisch-Teutsche Grammatick*. Leipzig and Wolfenbüttel: Johann Christoph Meisner.

**ראַוויטש, מלך**

1980 מײַן לעקסיקאָן. באַנד 4. בוך ו. תּל־אָבֿיבֿ: וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

**ריטשערדס, בערנאַרד ג.**

1940 Bernard G. Richards, “Alexander Harkavy” in *Biographical Sketches*, New York: American Jewish Committee, 152–164 [= *American Jewish Yearbook* 5701 (New York), 152–164].

**רייזען, זלמן**

1920 גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ערשטער טייל. ווילנע: ש. שרעבערק.

1924 „גראַמאַטישער מין אין ייִדיש״ אין ייִדישע פֿילאָלאָגיע (וואַרשע) 1: 11־22, 180־192, 303־322.

1926־1929 לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע. ווילנע: ב. קלעצקין.

**רײַצענשטיין, וואָלף עהרענפֿריד פֿאָן**

1764 Wolf Ehrenfried von Reizenstein, *Der vollkommene Pferde-Kenner*. Uffenheim: Johann Simon Meyer.

**שוואַב, אבֿרהם בן הר״ר מנחם מנדלי און מאיר בן יעקבֿ**

1773 ספר מליץ יושר חלק שני. אַמסטערדאַם: כּדפוס אשר הוקם מחדש ע״י כּהר״ר ליב זוסמנס יצ״ו.

**שולמאַן, אליהו**

1979 פּאָרטרעטן און עטיודן. ניו־יאָרק: ציקאָ ביכער־פֿאַרלאַג.

**שטיף, נחום**

1925 „וועגן אַ ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט״ אין די אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט (ווילנע) 3־34.

**שײַנעאַנו, לאַזאַר**

1889 Lazăr Şaineanu, *Studiu Dialectologic asupra Graiului Evreo-German*. Bucharest: Eduard Wiegand.

**שעבֿרשין, צבֿי הירש און משה בענדין און יוסף מאַרשן**

1713 ספר חנוך לנער. אַמסטערדאַם.

ייִדיש־ענגליש־העברעאישער

# ווערטערבוך

YIDDISH-ENGLISH-HEBREW

# DICTIONARY

First published by Schocken Books and the
YIVO Institute for Jewish Research 1988

Introduction Copyright © 1988 by Dovid Katz
Expanded second edition copyright 1928 by the Hebrew
Publishing Company.
All rights reserved under International and Pan-American
Copyright Conventions. Published in the United States
by Schocken Books Inc., New York. Distributed by
Pantheon Books, a division of Random House, Inc., New York.
Original edition published in 1925 by Alexander Harkavy.

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data

Harkavy, Alexander, 1863–1939.
Yidish-English-Hebreisher verterbukh.

"With a new introduction by Dr. Dovid Katz."
Reprint. Originally published: 2nd ed. New York :
Hebrew Pub. Co., 1928.
Bibliography: p.
1. Yiddish language—Dictionaries—English.
2. Yiddish language—Dictionaries—Hebrew.
I. Title. II. Title: Yiddish-English-Hebrew dictionary.
PJ5117.H54 1987 437'.947 86-31414

ISBN 0-8052-4027-6
Manufactured in the United States of America

Judaic
Studies
Ref.
PJ5117
H54
1988



ALEXANDER HARKAVY

*Photograph courtesy of Gershon Harkavy*

Harkavy, Alexander

ייִדיש־ענגליש־העברעאישער

# ווערטערבוך

פֿון

אַלכּסנדר האַרקאַווי

איבערדרוק פֿון דער צווייטער פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע פֿון 1928

מיט אַ נײַעם אַרײַנפֿיר פֿון דוד קאַץ

YIDDISH-ENGLISH-HEBREW

# DICTIONARY

BY

ALEXANDER HARKAVY

A REPRINT OF THE 1928 EXPANDED SECOND EDITION

WITH A NEW INTRODUCTION BY DOVID KATZ

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

SCHOCKEN BOOKS / NEW YORK